# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Khesbn No. 29, April 1962 - Entire Journal

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/8dk105gs

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 29(1)

### Publication Date
1962

### Copyright Information
Copyright 1962 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פערטל-יאָר שריפט פאַר

## ליטעראַטור, קריטיק און קולטור-פּראָבלעמען

# 29

רעדאַקטאָר — י. פרידלאַנד



ארויסגעגעבן פון:

לאָס אַנגעלעסער ייִדישער קולטור קלוב — און — שרייבער קרייז ביים זשורנאַל „חשבון“

ניסן, ה'תשכ"ב ~ אַפּריל, 1962

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

## אינהאַלט:


אַלף כּץ: נאָך דריי לידער פון די צוואַנציקער — 3
מאַטעס דייטש: „די שותּפות פון אַ פּאָעט מיט אַ פּראָזאַאיקער“ (עסיי) — 4
בעריש ווײַנשטיין: „פון אַמאָל“ (ליד) — 11
יחזקאל בראָנשטיין: „די התגלות פון אַבא קליגער ווי אַ פּאָעט“ — 12
מ. אָליצקי: „אַמאָל“, „אויגנבליק“ (לידער) — 16
י. פרידלאַנד: „סיימאָן סאַפּיר“ (פראַגמענט פון אַ גרעסערער דערציילונג) 17
לוי גאָלדבערג: „דער וועג צו זיך“ (ליד) — 24
סאָלאָמאָן קאַהאַן: „פּינטשע בערמאַנס ראָמאַנטישע פּריזמע“ (רעצענזיע) 24
פּינטשע בערמאַן: „צי וויל איך דען מער?“; „ווי טויבן אין אַ שלאָק“ (לידער) 28
נח גאָלדבערג: „פיש אויף פּסח“ (דערציילונג) — 29
ז. בונין: „עס גייט ניט אין דעם“ (ליד) — 34
משה וויסמאַן: „אין טעג פון שטילן צער“ (דערציילונג) — 35
גאָלדע שלאָסבערג־דראָזד: נאָטע קאָזלאָווסקי דער קינסטלער (פאַרצייכענונג) 40
יצחק ניומאַן: דער ספר יחזקאל (אַרײַנפיר) — 43
א. באַביטש: פעדער־שפּריצן — 46
יהושע ריווין: „שיעור, שיעור...“; „שטעל זיך אָפּ צייט“ (לידער) — 47
חנה בושעל־סאָלאָוו: „ווי לידער“ — 48
אליעזר בלום און יחיאל האָפער: באַגריסונגען פון די פּרעמירטע — 49
קולטור קאָנגרעס (ציק"א) און יידישער פּע"ן קלוב (ניו־יאָרק): באַגריסונגען 51
ליטעראַרישע נאָטיצן — 53
ה. לאַנג: לוסי לאַנג ע"ה (נעקראָלאָג) — 56
נייע ביכער און זשורנאַלן — 58
שלמה צוקערמאַן — אַ פינף־און־זעכציקער — 60



# "HESHBON"

*Quarterly Review of Literary and Cultural Activities*

I. Friedland, *Editor*

4375 Sunset Drive Los Angeles 27, Calif.

וועגן רעדאַקציאָנעלע ענינים זיך ווענדן צום רעדאַקטאָר.

מכּוח אַבאָנירן אָדער באַנייאונג פון אייער אַבאָנימענט, ווענדט זיך צום סעקרעטאַר:

MATTES DEITCH - 1246 N. Orange Dr. - Hollywood 38, Calif.

# חשבון

• פערטל־יאָר שריפט פאַר ליטעראַטור, קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען •

8טער יאָרגאַנג, נומ. 29 • ניסן תשכ״ב • אַפּריל 1962 • לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.

אלף כץ

## נאָך דריי לידער פון די צוואַנציקער

### בוימיש

אויף בוימיש רעדט צו מיר דער בלאַט,
דערציילט מיר סודות פון דעם בוים,
וואָס ער זאָגט מיר אַקוראַט
קען איך אָבער ניט פאַרשטיין.

אָבער כאָטש ער רעדט פאַרשטעלט,
הער איך אים אוים גערן,
ווײַלע וואָס דער קאָפּ פאַרפעלט,
טוט דאָס האַרץ דערהערן.

### אַן איינזאַמע שורה

זי גייט אַרום אַליין פאַרטראַכט
אַזוי ווי אַ פאַרבענקטע נאַכט,
וואָס וואַרט אַז קומען זאָל דער פלאַם,
דער טאָג, איר לויכטנדיקער גראַם.

### דער לייטער

אויפן ערשטן שטאַפּל פון דעם הויכן לייטער
איז אין האַרץ שוין דאָ
דער צאַפּל פון דעם לעצטן:
ווען עס לאָזט אַפילו ניט באַטרעטן זיך דער צווייטער,
בלײַבט אין האַרצן סײַ ווי שוין
די הויכקייט פון דעם העכסטן.

מאַטעס דייטש

# די שותפות פון אַ פּאָעט מיט אַ פּראָזאַאיקער

„אויפן וועג צום פּרץ סקווער" איז אליעזר בלום אַלקוויט'ס ערשטער בוך דערציילונגען. אָבער דער שריפטשטעלער גופא איז ווייט פון צו זיין אַן ערשט־לינג; אדרבא, ער ווייזט זיך אַרויס צו זיין אַ מומחה, ווי איינער פון די גאָר דיס־קרימינירטע פּראָזאַאיקער, וואָס צייכענען זיך אויס מיט דער אַרכיטעקטאָניק וואָס פּרישט־אָפּ דעם סטיל פון דערציילן.

ס'איז ווערט אַרויסצוהייבן, קודם כל, די פיר דערציילונגען: איינע, מיט וועלכער ער באַטיטלט דאָס בוך, און די דריי, מיט וועלכע ער באַטיטלט איינעם אינהאַלט די דריי אָפּטיילן.

און . . . מחשבה כמעשה.

אַז אַ שרייבער הייבט אַרויס די נעמלעכע דערציילונגען איבער אַלע אַנדערע, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען די פּירמאַטיון, מוזן זיי דאָך רעפּרעזענטירן דעם מחבר'ס ליטעראַרישע מאַטיוון. זיי זיינען טאַקע לויט זייער מהות, די אויסגע־ווילטע עמודים; זיי האַלטן פעסט אונטער די באַלקנס פונעם בוכ'ס געביי. ווייל ס'איז נייטיק צו געדענקען אַז א. ב. איז טעמאַטיש דער אַמעריקאַנישסטער צווישן אַלע דערציילער אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

דער „פּרץ סקווער" — פּונקט ווי אַלע יידישע אוצרות — איז רעאַל, ער איז ממשותדיק דאָ אינעם יידישן לעבן, נאָר יידן בעבעך וויסן ניט פון זיין קיום. בלויז יחידים, געציילטע וויסן, די יחידי סגולה.

כדי צו מאַכן אַ גרינטלעכע שטודיע, וואָס זאָל אַרומנעמען אַלע זיינע ווערק, דאַרף געטאָן ווערן אַ באַזונדערע פּאָרש־אַרבעט, וואָס דאָס איז ניט די אויפגאַבע פון מיין פּאַרטראַכטן צוגאַנג. וואָס איך בין אויסן איז, אַרויסהייבן פונעם שלל מיט רייכקייט, די מעטאַפאָרן, קלוגע זאָגן, טרעפלעכע וואָרט־קאָמבינאַציעס און אידיאָמאַטישן רעדנסאַרט, וואָס ליגט פאַרזייט אין זיינע אַלע ווערק אין אַ גאָר אָנגעשפּיקעוועטער עשירות.

מיינע פינגער ציען זיך בלויז צום אָנווייזן אויף די געשליפענע דימענטלעך.

אין „גאָגאָל'ס רינג", אויף זייט 192, געפינט זיך אַזאַ סופּערבישער זאָג: „מאַרקס איז ערשט געקומען קיין פּאַריז, וואו ער האָט זיך באַקאַנט מיט פּרודאָנען, און געשריבן צו ענגעלסן, דעם מזג־טוב, דעם יעקב דינענזאָן פון ערשטן אינטער־נאַציאָנאַל, אַז ער געטרויט ניט די רוסן."

אַ זאָג־טאָן, אַז ענגעלס איז דער יעקב דינענזאָן פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל קאָן זיך נאָר אַ „כעלעמער" פאַרגינען צו זאָגן אַזוי תמימותדיק; און דאָך... אַ חוץ דעם הומאָר וואָס עס ליגט אין דעם זאָג, איז עס אַ שטאַרקע סאַטירע פון אַ שרייבערישער קוואַליטעט פון איינעם וואָס פאַרמאָגט וואַכע חושים אויף צו מאַכן עסטעטישע אַנאַלאָגיעס. „גאָגאָל'ס רינג" איז אַ דערציילונג, וואָס דערהייבט זיך ווי אַ טורעם איבער די דעכער פון אַ סך הויך מיסטיפיצירטע דערציילונגען, וואָס ווימלען מיט שדים און רוחות אין דער יידישער ליטעראַטור פון אונדזער היינט־צייטיקייט.

די דערציילונג גיט אין רעטראָספּעקט דעם קאָזאַקישן העטמאַן פון אוק־ראַינע, טאַראַס בולבאַ. עס דערמאָנט די יידישע שרעק, אימהדיקע צייט פון פּאָגראָמען; עס דערמאָנט די שאַנד פון דער אַנטיסעמיטישער ליטעראַטור, וואָס האָט אָפּגעחוזקט פון יידן. יאָ, עס דערמאָנט. אָבער דאָס יידישע אויג וואָס קוקט־צו ווי מען גראָבט אויס צוריק, נאָך ניינציק יאָר, דעם קבר פון גאָגאָלן, און דאָס יידישע אויג זעט ווי דער סקעלעט שיינט מיט דער ווייסקייט פון געליטערטקייט; אויך אַזוי איז דער גאָלדענער רינג וואָס איז לויז אויפן סקעלעטישן ביינדל, וואָס איז אַמאָל געווען אַ פינגער — געליטערטער גאָלד; קריגט דער יידישער געדאַנק אַ טרייסט: די ערד לייטערט די אַנטיסעמיטן . . .

— האָט איר געזען דעם רינג? — האָט מיין פריינט שטיל געפרעגט, אייב־האַלטנדיק אַ ציטער צווישן די ציין — האָט איר געזען ווי ער האָט געשטראַלט? ווי ביים לעבן. ניין, העלער ווי ביים לעבן.

יאָ, נאָך 90 יאָר אָפּליגן אין דער ערד וועט יעדער אַנטיסעמיט געלייטערט ווערן, בפרט אין די לעבעדיקע אויגן פונעם ייד וואָס קוקט אויף אים... מחמת דער כתר־החיים פון יידישן פאָלקסלעבן צעשיינט זיך דאָן נאָך העלער ווי דאָס גאָלד פון גאָגאָל'ס רינג, וואָס איז געלעגן 90 יאָר אין דער ערד כדי געלייטערט צו ווערן. . .

אויף זייט 165, די דערציילונג: „מיט דעם קול פון די עלטער־זיידעס", איז כדאי אַרויסצונעמען אויף אַ פּליטע, אויב ניט אינגאַנצן, איז כאָטש אָט־די טיילן וואָס קלינגען ווי נאַראַטיווע פּאָעמעס, ווי פילאָזאָפישע מאַקסימען, ווי פּלאַסטישע בילדער קאַלירפול געמאָלן.

„איר ווייסט, איך האָב זיך אַמאָל צוגעקוקט ווי אַ הינדעלע פּיקט זיך אויס פון דעם איי, ווי דאָס טשיפּטשעלע קומט אַרויס און שפּאַנט איבער די חורבות פון דעם איי־שאָלעכץ. ס'האַרץ האָט מיר געטיאַכקעט, ווי איך וואָלט געזען דאָס שטורעמען פון דער באַסטיל." און אויף זייט 180 פון דער זעלבער דערציילונג לייענט זיך: „זיי זיינען געווען (זיינע עלטער־זיידעס) געלערנטע לייט, הויף־דאָקטוירים, פינאַנצירן, און וואונדערלעכע פּאָעטן, וואָס האָבן געזוכט די בייע וועלט און געבויט אַ סועץ פון גייסט."

אָט אַזאַ זאַג: „אַ סועץ פון גייסט", אַזאַ אַנאַלאָגיע קאָן ניט אַרויסגעבראַכט ווערן פון אַ מהיכא־תיתי דערציילער, נאָר פון אַן ערשטקלאַסיקן פּראָזאַיקער.

„מילא, וועלט איז וועלט און שניידערס צווישן שרייבער זיינען היינט אויך דאָ, פלענטי־גענוג. אָבער קיין ראָזענפעלדס גיבן זיי נישט אַרויס, די היינטיקע שעפער. אויך מיר שעפער... אַלץ האָט מען אויסגעסטרייקט... למשל, ווען ער זאָל אייך זאָגן, אַז נאָך אַלע סטרייקס וואָלט מען ערשט איצט געדאַרפט רופן אַ סטרייק פאַר דעם רעכט צו זינגען אין די שעפער, וועט איר אים אָנקוקן ווי אַ משוגענעם." (זייט 86, אין זכות פון מאָריס ראָזענפעלד).

„אויפשטאַנד פון לערן־ייִנגלעך" איז איין גרויסער סאַרוש, כאָטש סע איז אויף דער קאַנווע פון דער אַלטער קליין־שטעטלדיקער טעמאַטיק פון דער יידי־שער אַרעמשאַפט. אויף זייט 58 לייענט זיך: „די מייסטערשע איז דערווייל אַריין אין דער אַנדערער שטוב — אָנזייגן דאָס קינד — און די יינגלעך זיינען געזעסן, געקוקט אויפן קוילעטש ביז זי איז פאַרטיק געוואָרן, פאַרמאַכט דאָס מילכיקס, און גענומען דערלאַנגען די יאָיך."

אוודאי איז, פאַרמאַכט דאָס מילכיקס, אייגנאַרטיקער געזאָגט ווי דער מעכאַנישער: אַריינגעלייגט די בריסט. צי אַ שטייגער אַט אַזעלכע צווויי דיסקריפּטיווע בילדלעך אין דער נעמלעכער דערציילונג אויף זייט 59-60:
„פּיניע, הערשל און בערעלע האָבן אַריינגענומען די שטרוי־זעק, זיך אויסגעבעט אונטערן פּרעס־טיש. דאָס לעצטע ליכט האָט געטאָפּיעט, זיך געלאָשן און גע־וויגט די פינצטערניש אין הויז. די ייִנגלעך זיינען געלעגן אונטער די ראָזעוואַנע איבערדעקן, איינגעקאַרטשעט אין דרייען — די קניען אויפגעהויבן און פאַרלייגט אַרויפצו, די קעפּ אַראָפּ, צווישן די הענטלעך, זיינען זיי געשלאָפן ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט, ווי פאַר געבוירן."
„דער מייסטער האָט עקשנותדיק געזעגט די שטילקייט, געריסן שטיקער פון דעם שבתדיקן שלאָף און ווי דאָס גאַנצע נאַכטיקע געניי וואָלט אים ניט געפעלן, האָט ער זיך איבערגעוואָרפן און מיט אַ פּייפערי אויפגעטרענט אַלע נעט פון דער פינצטערניש."
די דערציילונג: „אויפן וועג צום פּרץ סקווער", איז אַ שטיק ייִדיש־אַמערי־קאַנאַ, אַ ספּעציפישע עפּאָכע מיט אַן אייגנאַרטיקן שטייגער לעבן, מיט אַ ספּע־ציפישן פאָלקלאָר. ס'איז פול מיט כאַראַקטעריסטישן ייִדיש־אַמעריקאַנעם גאַנג, וואָס פאַרדינט אַן עטנישע פאָרשונג.
און דער מחבר נעמט זיך אונטער פאַנאַנדערצעוויקלען אַ קאָמפּליצירטן און דעם פּראָבלעמאַטישסטן ענין וואָס האָט שוין אָנגעפּלאָדיעט אַ גאַנצע כאַליאַסטרע מיט ענינים־אייניקלעך... איז אַט־דאָס אַלעס שלעפּט ער אין אַ מאַרקעט אַריין, צו אַ ייִדישן גראָסערימאַן.
„נאַ, ייִדיש שטאַמט ביט פון דעם אָדער דאָס, ווי מ'האָט אַמאָל געמיינט. ייִדיש שטאַמט פון דעם, וואָס מיר זיינען ייִדן. דאָס איז לויטן ענטפער פון די בעסטע שפּראַך־פאָרשער... אָבער דער גראָסערי־מענעדזשער האָט אים אָפּ־געשטעלט:
— וועל, מיסטער, קומט צום פּונקט — האָט ער געפּאָדערט שוין מיט דעם לעצטן ביסל געדולד.
— איצט — האָט אַלטער געזאָגט — אַז איר זענט ברוך־השם נישט צו פאַרזינדיקן און אייער ייִדיש, דאָס לשון פון דעם געוועזענעם בעל־מלאכה, דעם שאַפּ־אַרבעטער אָדער פּעדלער, איז אַזוי עולה לגדולה, אַז ס'איז אָנערקענט פון קאָלעדזשעס און אוניווערסיטעטן, אַז זיי גיבן קורסן, קלאַסן אין ייִדיש, איצט דאַרף עס ערשט די אָנערקענונג פון דעם ייִדישן גראָסערימאַן, אָדער פּעדלער, דעם עמך, שער און נאָדל.
— אייער אָנערקענונג... אַ ייִדישער גראָסערימאַן זאָל אַרויסהענגען גרויסע בילדער, רעפּראָדוקציעס פון ייִדישע צייטונגען, דערקלערנדיק, אַז מיר אַדווער־טייזן אין דער ייִדישער פּרעסע; קיין גרעסערע אָנערקענונג ווי דאָס, איז, אין דעם איצטיקן מאָמענט נישט נייטיק... אויף דעם וואַרטן אונדזערע פּראָפעסאָרן — סדן, דוב סדן אין דעם העברעאישן אוניווערסיטעט אין ירושלים, ווײַנרייך אין קאָלאָמביע, ליפּצין אין ניו־יאָרק סיטי קאָלעדזש, מינקאָוו אין ניו סקול פאַר סאָשעל ריסוירטש — זיי און אַלע אַנדערע ייִדיש פּראָפעסאָרן וואַרטן אויף אייער אָנערקענונג. ווי לאַנג וועט איר זיי לאָזן וואַרטן?"

און ווייטער אַביסל, אויף דער זעלבער זייט 298, לייענט זיך אַזאַ שרייבעריש בילדל, וואָס קוקט אויס ווי אַ פרעסקאָ, אַ מיוראַל:

„אויף דער איסט־בראָדוויי סטאַנציע פון דער זעקסטער עוועניו סאָבוויי, איז אַלטער אַרויס און זיך געלאָזט גיין דורך סוארד פּאַרק, וואו עס זיצן אויס־געלייענטע לייענערס פון דער יידישער פּרעסע — ווי לאַנג זיי האָבן נאָר געקאָנט, ווי לאַנג די כוחות האָבן געסטייעט, האָבן זיי געלייענט. איצט קענען זיי נישט מער, זיצן זיי אין דעם פּאַרק אַקעגן די יידישע צייטונגען, וואָרעמען די אַלטע ביינער אין דער זון און ריידן, אַזוי זיך, אַביסל יידיש און אַביסל געמיקסט — יידיש־ענגליש, דאָס נייע אַמעריקאַנער יידיש.“

און ווייטער באַשרייבט ער וואונדערלעכע סאַטירישע בילדער וואָס — איך זאָג עס מיטן פולן באַוואוסטזיין — אַז סע פּאַסט זיך פאַרן זיידן מענדעלען, פאַר סערוואַנטעסן; וויל אַ שרייבער, אַ דאָן קיכאָט, אַ מנחם־מענדל, וויל מאַכן נסים ונפלאות מיטן פּרעסטיזש פון יידיש. עס פאַרענדיקט זיך מיטן קלימאַקס וואָס סע ווערט אים נעבעך ווי פאַרזשאַווערט אין האַרצן... ער פרעגט זיך נאָך ביי פאַרשיידענע דורכגייער, ווי מע גייט צום פרץ־סקווער און קיינער ווייסט ניט... ביז ער פּאַקט אַ ייד מיט אַ רבנישן קאַפּעלוש.

„ווער, פעירעץ? צי ס'איז דאָ פאַראַן אַ פּעירעץ סקווער. יאָ, עפּעס האָבעך אַנומעלט געלייענט וועגן דעם, אָבער וואו דאָס איז, פרעיגץ מעך בחרם.“

און דאָס ווייטערדיקע מוז מען אַליין לייענען, יעדער ייד זאָל עס מוזן. ער וועט באַקומען שכר־הלייענען מיט אַזעלכע דימענטלעך:

„אָבער תוך־כדי־דיבור האָט אַ שטיק זון זיך דורכגעבראָכן און גענומען איבערבויען די וואָלקנס“ (זייט 286). „מיין סטריט, אַ שטיק בראָדוויי, אַ העג־געגנדיקער טעפּיך פון טאַנצנדיקע פייערן“ (זייט 283). „דאָס הויז איז שוין נישטאָ, מ'האָט עס אַרונטערגעריסן צוזאַמען מיט אַנדערע טעמנע טענעמענטס פון די גרינע יאָרן.“

זעט ווי דער פּאָעט אין אים האַלט אויף דאָס לשון מיט די חכמהדיקע קלאַנגען, וואָס זינגען אין יידישן אויער.

„וואָס דער קאַנאַריק האָט געלערנט פון דעם נאַכטיגאַל“ — אַ דערציילונג געדרוקט אין סעפּטעמבער „צוקונפט“, 1960, געפינט זיך אַזאַ געמעל פון אַ קלאַסיש־באַניטן מין פייזאַזש:

„פון אונדז צום קעמפּוס איז געווען אַ קורצער שפּאַציר איבער אַ שטעג פון ווייכער ערד, אויסגעטראָטן צווישן גראָז, אַביסל ווילדוואוקס, קליינע בושן, (און דאָ גיט ער אַ וואָרט־באַצירונגל, אַ יידיש רעדנאַרטיק זאַגעלע): אַ פּאָר ס'קאַצלקינדביימלעך, ביימלעך וואָס זיינט פאַראַיאָרן האָט מען זיי דאַכט זיך ד'אָ נישט געזען — וואו זיינען זיי געווען אין די גרויסע פרעסט?

מ'האָט זיי געדאַרפט אָנקוקן, די ביימער אויף אונדזער גאַס, קרוע־בלוע, אָבער מ'האָט זיי געדאַרפט זען אין זייער אויפגעריכטקייט. איינער אַ בוים, אַ הינקענדיקער שניידער מיט צוויגן געקרימט און געבראָכן פון אַרטריט, האָט אויפגעהויבן אַ בליענדיקע האַנט אַ ווייסע, אַ באַנייטע, צו דער הויך: נו, טאַטע פּאַטער. און איינער, דער ערגסטער קריפּל, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן צווישן הויז און אַ גאַראַזש, האָט אַנגעטאָן די שענסטע קרוין און אַרויס פון דער ענג־שאַפט — גוט־יום־טוב יידן.“

אַט אַזוי שרייבט דער דערציילער, אליעזר בלום אלקוויט.

אייגנטלעך האָב איך מיט די אַלע ציטאַטן אויסן געווען זיי זאָלן מיר דינען ווי אַן אַריינפיר צו דער דערציילונג „אין די הויכע פענצטער״, וואָס האָט גע־קראָגן די י. פרידלאַנד פרעמיע פאַרן יאָר 1961.

## „אין די הויכע פענצטער״

צוליב דער היינטצייטיקייט פון דער טעמע, וואָס באַהאַנדלט די אַקטועלע איצטיקייט פון אונדזער לעבן מיטן גאַנצן געשפּענסט פון דער אַטאָמישער גע־שפּאַנטקייט, איז אַט־די דערציילונג אַ חד במינה; זי איז בפירוש אַן איין און איינ־ציקע לויט איר גאַנצן פאַרנעם.

דער מחבר אירער איז אַ שרייבער מיט אַ סך אַנדערשקייט אינעם אופן פון קאָמפּאָזירן אַ דערציילונג. דעריבער איז ביז גאָר נייטיק סקיצירן עטלעכע שטריכן וואָס זאָלן כאָטש באַשאַפן אַ פּראָפיל פונעם קערנדיקן דערציילער, אליעזר בלום, וועלכער איז באַקאַנט געווען ביים נאָמען: ב. אַלקוויט; איינער פון דער אינזיכיסטישער גרופּע פּאָעטן.

ס׳האָט נאָך ניט געטראָפן קיין איין מאָל ווען איך זאָל האָבן איבערגעלייענט אַ דערציילונג פון א. ב. און איך זאָל ניט האָבן הנאה געהאַט אָדער זיך, על כל פנים, מיט עפּעס וואָס געפרייט וואָס אין זיינס אַ דערציילונג געפינט זיך תמיד אַ מין אַנדערשקייט, אַן המצאה, אַ נייקייט, צי גאָר עטלעכע פּאָעטישע מעטאַפאָרן וואָס נאָר אין אַ ליד טרעפט איר זיי אָן. זיין גאַנצער מאָדוס פון קינסטלערישער עקספּרעסיע איז פול מיט ליידנשאַפט, הן וואָס איז שייך דאָס אָפּגעקליבענע וואָרט, הן די אַנדערשקייט אינעם לשון וואָס ער מאָדולירט באַנייטע שרייבשאַפטן מיט וועלכע ער פרישט אָפּ די בעלעטריסטישע אידיאָמאַטישקייט — די קונסט פון דערציילן.

אליעזר בלום איז, לויט מיין קוק, דער המשך פון ש. מיללער׳ס סטיל; נאָר ער איז מיט אַ באַהאַרצטקייט, וואָס איז זייער צוגעלאָזט צו זיינע געשטאַלטן און זיין לשון איז, דאָס מערסטע, מיט אַ הומאָריסטישער עלאַסטישקייט, וואָס פאַלט גרינג אינעם מענטשנס אויער אַריין און הייטערט אויף דאָס געמיט אין אים; בכלל איז ביי אים דאָ מער ראַפינירטקייט און די פּראָפאָרץ איז ביי אים קיינמאָל ניט איבערקאָמפּאָזירט ווי ביי ש. מיללערן.

ער באַזיצט דורכאויס דעם זשאַנער פון אַ מאָדערנעם קינסטלער־דערציילער.

צי דאַרף מען נאָך פרעגן, היינטיקע צייטן, וואָס איז מאָדערן? אַוודאי ניט!

ס׳איז דער אופן פון זיין פריי פון באַנאַליטעטן, אויסגעניכטערט פון דעם שאַבלאָן, וואָס הויערט נאָך ביי אַ סך פּראָזאַאיקער; ריידן און לאָזן ריידן יעדע זאַך מיט איר אייגענעם באַגלויבטן לשון. דער שרייבער סטיליזירט בלויז דעם אופן כדי עס זאָל בלייבן איינמאָליק דערציילט און עפּיזאָדיש נייבאַגלייבט.

אליעזר בלום׳ס דערציילונגען זיינען ווי פרוכט, וואָס איז רייף געוואָרן אויפן בוים און געקושט געוואָרן פון דער זון.

ווען מען לייענט זיינע דערציילונגען ווערט מען אָנגעפילט מיט דער פרייד פון לייענען ווי אַ באַזונדער טייל וואָס סטימולירט מיט זיך גופא אַ דערגרייך, אַ מדרגה וואָס דער שרייבער באַווירקט אונדז מיט דער עמאַנאַציע פון זיין סטיל,

מיטן אויפשטראַל פון זיין דערציילעריש־צוגעקליבן לשון; זיין שפּראַך־עשירות דערוואָרעמט אונדז ווי גוט דיסטילירטער קאָניאַק — מע זופּט אים אײדל.

אײדלקייט און סובטעלקייט איז בכלל צוגעפּאַסט צו זיין אופן שרייבן.

זיינס אַ דערציילונג איז ווי אַ מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע: עס האָט אַלע קוואַליטעטן פון אַ מוזיק־ווערק — ער איז קינסטלעריש דיסציפּלינירט; אויף וויפיל דערציילער ביי אונדז קאָן מען אָנווענדן אָט־דעם זאָג אַזוי בפה מלא? ער שרייבט ריין, ציכטיק; ער איז אַ מהדר מן המהדרים; ער פאַרגעסט ניט אַז ער האָט אַ פּאָעטישן שותף צו זיך — דעם עקסקלוזיוון פּאָעט ב. אַלקוויט. פּאָעטן האָבן בכלל דעם עלעגאַנטן קוק אויף לשון פּראָזע. בלום געהער צו די בני עליה. ער איז פּרימערע עלעגאַנץ סיי ווי אַ שריפטשטעלער און סיי ווי אַ דענקעוודיקער ייד — אַ באַאומרואיקטער יחוסדיקער יחיד־אינטעלעקטואַל.

נאָך אַ בולטע מעלה האָט זיין לשון: עס פּאַקט דעם לייענער, אין אַ סך מאָמענטן, בעתן לייענען, מיט אַ שלל ספּאָנטאַנע איבעררעאַשונגען. דאָס אַליין איז אַ ספּעציפישע פריידע, אַ נחת עליון — מע ווערט איבערגעוועלטיקט מיט אַ פריידיקער ליידנשאַפט...

נאָך איין צוגאָב צו זיין קינסטלערישן געלענק: דער אופן פון זיין קאָנסטרוקציע. ער בויט ניט זיין דערציילונג בלויז מיטן כוח פון דער פאַבולע, וואָס האָט די דימענסיע פון אַ קעסטלדיקן בנין — פּירעקיק אַרום און אַ רום. זיינע דערציילונגען זיינען אין קאַטעדראַלע דימענסיעס. וואָרן ס'איז ניט אַזוי דער בנין וואָס מע באַוואונדערט ווי אַ בנין, נאָר די דעקאָראַטיווקייט מיט די דעסעניִרטע קאָנטורן, נישעס, קאָלאָנעס און די געשניצטע קאַרניזן. מיט איין וואָרט, ער דעסעניִרט זיינע דערציילונגען אין פאַרשיידענע מאָדעלן און פאַקוסט אַריין אין זיי אַן אייגנאַרטיקע אָרנאַמענטיק, „בעלעמער דזשימדזשיקעס".

דאָס לעצטע איז די בעסטע כאַראַקטעריזאַציע פאַר זיין אַנדערשקייט.

ער איז יידיש־בעלעמדיק אין זיין גאַנצן קינסטלערישן מהות; יידישע קונסט איז דורכאויס אוניווערסאַל־גוזמהדיק — בעלעמדיק...

אַזוי איז שלום־עליכם, אַזוי איז שאַגאַל, לוצקי, משה נאַדיר, איציק מאַנגער, יעקב גלאַטשטיין, הערשעלע אָסטראָפּאָליער; אַזוי איז חסידישער פאָלקלאָר — יידישער פאָלקלאָר בפרט! דער יידישער געניוס איז הגדהדיק דורך און דורך, פאַבלהאַפטיק מיט אַ בעלעמער איבערגעשפּיצטקייט, דערהויפּט מיט אַ פאַרשאַרפטער סאַטירישער גוזמהדיקער תמימות, וואָס מאַכט פאַרגאַפט מיט איר אוניווערסאַלקייט.

וואָרעם בעלעם מיינט — נסים ונפלאות אין אונדזער יידישן חי־עולם.

די נסיונות פון אונדזערע אבות אבותינו; זינט אברהמען ביז מלכות יהודה; זינט יציאת מצרים ביז דעם גרעסטן פאָלקס־קידוש־השם פונעם איראָפּעאישן יידנטום; זינט בר־כוכבאַ־אויפשטאַנד ביז דער סיני־אַקציע — די גאַנצע משיח־גאולה — איז כולו „בעלעמדיקע", מיסטישע אוניווערסאַלקייט פאַרן מענטשלעכן מוח און זיין פאַנטאַזיע.

דערויף קען קיין שום בן־אדם ניט וואָגן צו זאָגן: ביין, ס'איז ניט בעלעמדיק! וואָרעם ס'איז בפירוש טראַנסצענדענטאַל, אונדזער יידישער שטאַרבן און דער יידישער ווידערגעבורט אויף דער וועלט — ס'איז מעשה בעלעם פאַר אונדזער שכל.

די דערציילונג „אין די הויכע פענצטער״, וואָס דאָס מיינט די הימלישע ספערן, איז אַ סאַטירע שוין מיט דעם וואָס די „פענצטער פון די הימלען״ ווערן אַ פשוטער און אַ וואָכעדיקער ענין פאַרן מענטש. אָט ווי אַ שטיגער... און ער גיט אַ פאַרגלייך:

„אַז מען רעדט שוין וועגן וועלטן אין די שטערן שיער־ניט ווי מען פלעגט אַמאָל אין דער אַלטער וועלט רעדן וועגן אַמעריקע.״

די דערציילונג האָט די בענקשאַפט פון וועלט צו וועלט, ווי עס האָט פון מענטש צו מענטש. זי פאַרמאָגט אָבער אויך די שרעק טאָמער וועלן די ברואים פון די אַנדערע פלאַנעטן, וואָס דער מענטש וועט אַנטדעקן, זיין פון אַזאַ מין הויכער מדרגה פון ציוויליזאַציע, אַז מיר וועלן אויסקוקן אין זייערע אויגן ווי מאַלפּעס . . .

און צווישן די סטודענטן אויפן קעמפּוס, די גאַנצע האַנדלונג קומט פאָר אַרום דעם אוניווערסיטעט וואו די סטודענטן פירן פאַרשיידענע שמועסן. איינער פון די שמועסן איז, וואָס אַ סטודענט האָט געפרעגט זיין פּראָפעסאָר, אַ באַרימטן אַסטראָנאָם: „וואָס וואָלט ער געטאָן ווען ער קריגט סיגנאַלן פון אַ וועלט ערגעץ אין די ווייטע־ווייטן פון דעם אוניווערס; אַ וועלט מיט וואַסער און מיט לופט, פאַרשטייט זיך, און מענטשן מיט אַזעלכע עיר־קאַנדישאַנערס, אַז אונדזערע וואָלטן געמעגט ביי זיי די פּעטשערעס הייצן.״

„די ערשטע זאַך — האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט — איך וואָלט ניט געענטפערט. גאָר פשוט, מיר זיינען נישט גרייט איינצושטעלן פאַרבינדונגען מיט מענטשן פון אַ פלאַנעט וואָס האָט שוין בעסערע עיר־קאַנדישאַנערס פון אונדז.״

און בעט, דער העלד פון אָט־דערציילונג, איז ווי אַ בעל־מוח, געראָטן אין דאָן קיכאָטן. ער שלאָגט זיך אַרום אין זיין מוח מיטן געדאַנק: „ס׳וואָלט געווען גוט צו וויסן אַז ס׳איז דאָ ערגעץ אין די הימלען נאָך אַ וועלט אָדער צוויי — נישט ווי „יענע וועלט״ האָט ער געמיינט; ניין, נישט די וועלט פון געשטאָרבענע, נאָר טאַקע וועלטן מיט לעבעדיקע מענטשן.

— מיט וואָס וואָלט עס געווען אַזוי גוט, בעט?

— כ׳ווייס נישט; ס׳וואָלט געווען היימלעכער; מיר וואָלטן געוואוסט אַז מיר זיינען נישט אַליין. דער גאַנצער טראָבל נעמט זיך דערפון וואָס מיר זיינען אַליין.״

דאָס איז דער גאַנצער קנופּ פון דער סאַטירישער דערציילונג. מיר זיינען אַליין צווישן הימלישע וועלטן. כאָטש מיר פליען אַרום, ווי דער אַסטראָנאָט, גלען, אין דער בודקע, זיינען מיר אַליין אין דעם אין־סוף׳לעכן רוים — אַליין...

אין דער ליטעראַטור ביי אונדז איז אָבער אַ גוטער שותפות, אליעזר בלום אַלקוויט.

---

## יידישער לייענער!

טוט אייער קולטור חוב! קומט ניט אָפּ נאָר מיט אייער הסכמה און פרומען וואונטש אַז ס׳איז זייער נויטיק דאָ אַ שריפט אין יידיש — באַווייזט עס מיט מעשים. ווערט אַ מיטבויער און אַבאָנענט פון „חשבון״ — די איינציקע שריפט אין יידיש אין לאָס אַנגעלעס.

---

בעריש ווײַנשטיין

# פון אַמאָל

ער איז נאָך ערגיץ אין נעכטיקן ליד,
ווען בעז האָט אין אונדז ביידן געבליט.
די עווענױוס זענען געווען קליין פון אומגײַן נעכט
אין קלינגענדיקע פרילינגס ביז העט אין די פרעסט.
מיידלעך זענען אים געשפּרינגען אין פּנים
און ער האָט צו זיי געברענט;
אַלעמאָל אַן אַנדערע געשלעפּט ביי די הענט.

נישט די „ליכטיקע שטערן" פון דער אַלטער שבועה —
דער אָפּגעגרינטער שטיין פון וואַשינגטאָנס דענקמאָל,
איז דער עדות אויפן מאָך פון זיינע יאָר.

ביי טישלעך רויך, ביי פאַרלוירענע מיידן,
איז ער פאַרזעסן אַ לעבן.

ווי אין חלום,
מיט ביכלעך אונטערן אָרעם,
טרעפסטו אים נאָך אין לואיסאָן סטאַדיום
אַ פאַרגלייזטן ביי ווערדיס „רעקוויום".

גאַנצע דרייסיק פרילינגס האָבן אָפּגעבליט,
פונקט אַזויפיל הארבסטן ליגן און וויאַנען —
און ער גייט נאָך אַלץ אַרום ווי אין ראָמאַנען.

אַזאַ האָב איך אים געלאָזט אויף אַ סקווער,
איך בין געבליבן, וואו מ'זעט אים נישט מער.

יחזקאל בראָנשטיין

# די התגלות פון אַבאַ קליגער ווי אַ פּאָעט

אין דעם גאַנג פון אונדזער צייט, ווען פּען־מענטשן, אפילו טאַלאַנטירטע מיט קלינגענדיקע נעמען, יאָגן זיך נאָך פּירסום אונטער יעדן אויסרייד, איז אַ זעלטענער נחת־רוח צו האָבן דעם באַוואוסטזיין, אַז דו האָסט אַמאָל געהאַט דאָס גליק און אויך די זכיה צו האָבן געווען פאַר'חבר'ט מיט אַ דיכטער אַ נסתר, וואָס איז געווען דאָס גוטסקייט אַליין אין זיין אומגאַנג מיט מענטשן; געלעבט ווי אַן עניו און אויף דעם שטילסטן און באַשיידנסטן אופן, יאָרן־לאַנג זיך באַמיט און געגרייט פאַר זיין התגלות ווי אַ מענטש פון גייסט — אַ פּאָעט, מיט פלייס און מיט גרויס מי פון זיך אַרויסגעפּערלט דאָס געזאַנג פון זיין הארץ, אין הסכם מיט זיין געוויסנהאַפטן איינשטעל און עטישער באַציאונג צום לעבן אין אַלגעמיין.

אַזאַ מענטש איז לויט מיין מיינונג און אָפּשאַץ, געווען דער דיכטער אבא קליגער ז"ל, וואָס האָט אין זיין גרויסער באַשיידנקייט אָפּגעלעבט אַ סך יאָרן אין לאָס אַנדזשעלעס, און כמעט צו קיינעם ניט געלאָזט זיך דערקענען, ווי אַ פּאָעט און זעלטענער תלמיד־חכם; אַן אמתער מתמיד, וואָס האָט זיך דאָ אויס־געלעבט אין די דלד אַמות פון אַ באַשיידן קליין צימערל, אונטער איין דאַך מיט פרעמדע מענטשן, וואָס האָבן ניט געהאַט די מינדסטע אַנונג ווער ער איז, און וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר.

ביז היינט איז מיין באַגעגעניש מיט אַבאַ קליגער פאַר מיר אַליין אַ רעטעניש.

איין זאַך געדענקט זיך מיר יאָ: ביי מיין ערשטער באַגעגעניש מיט אים, האָט ער זיך זייער פאַראינטערעסירט אין מיין וויניקייט ווי אַ יידישער שרייבער און זיך אויך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט מיינע ליטעראַטור־אַרבעטן, וואָס ער האָט אַגב אַנגעהאַלטן ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג.

חדשים־לאַנג האָב איך ניט געוואוסט צי ער איז אַ שרייבער, כאָטש אונדזערע שמועסן און דיסקוסיעס האָבן זיך אַלעמאָל געדרייט אַרום ליטעראַטור, שרייבער און שרייבערישע ענינים.

אבא קליגער האָט דאָן, אין די דרייסיקער יאָרן, זיך אין ערגעץ ניט געדרוקט. און פון זיינע שרייבערישע מעשים אין אַרגענטינע, האָב איך בכלל ניט געוואוסט.

איינמאָל, נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך שוין געהאַט גענוג אינטים פאַר'חבר'ט, בין איך צופעליק און אומגעריכט פאַר אים, צו אים אַריינגעקומען. זיין צימערל איז געווען טונקל באַלויכטן. און ער, אבא קליגער — האָט ווי אַ פאַרצייטיקער סופר געפלאָנטערט און געפיבערט מיט אַ זעלישער איבערלעבונג איבער אַ כתב־יד אויף זיין שרייב־טישל. מיין בליק, אַ דערשטוינטער — איז געפאַלן אויף זיין קליינער פיגור, וואָס האָט זיצנדיק ביי זיין שרייב־טישל זיך כמעט ווי אויסגעגלייכט דערמיט... זיינע ברענענדיקע אויגן האָבן מיסטעריעז און פאַר־חלומט געפיבערט איבער אַ בויגן פּאַפּיר, וואָס האָט צו מיר אַרויפגעגלאַנצט מיט אַ פּערלדיקער שריפט, אין קורצע שורות. זיינע בליקן האָבן איבעראַשט זיך באַגעגנט מיט מיינע, און ביידן האָט אונדז אַרומגענומען איין געפיל: אַ געפיל פון שטוינונג און איבעראַשונג. ביידע האָבן מיר געשוויגן הויך. באַלד אָבער

האָט ער אָװעקגעלייגט זיין האַנט אויף דעם מאַנוסקריפּט און — זיך שעמעװדיק צעשמייכלט.

פאַר מיר איז מיטאַמאָל קלאָר געװאָרן, אַז איך האָב דאָ צו טאָן מיט אַ שעפערישן מענטשן. מעגלעך — אַ פּאָעט.

אין יענע יאָרן בין איך אַליין נאָך געװען יוגנטלעך גענוג און געװאָגט, אפילו באַזעסן פון אַ היבשער דאָזע חוצפּה, צו קענען כאַפּן די לאָקשן פאַר דער יויך... צוליב דעם האָב איך קיין איין רגע ניט פאַרלוירן און באַלד אַרויס מיט לשון:

— הייסט עס, ר׳ אבא, אַז איר זייט אַ שרייבער! ניט אומזיסט אינטערעסירט איר זיך אַזוי מיט מיין אַרבעט און איר רעדט אַלעמאָל װעגן מיינע שרייבערישע עבודות.

מיר האָבן יענעם אָװנט לאַנג און שפּעט פאַרבראַכט. און ערשט דאַן האָב איך פון אים אַליין זיך דערװאוסט, אַז ער איז אַ פּאָעט. ער האָט מיר שוין בדרך אַגב דערציילט, אַז ער האָט געװאוינט און געשאַפן אין אַרגענטינע, און אַז ער איז דער עיקרשט פאַראינטערעסירט אין קבלה, דער לערע פון בודהאַ, טעאָ־סאָפיע און סתם מיסטיציזם.

פון דאַן אָן האָבן מיר זיך אויף תמיד פאַרברידערט און פאַר׳חברט.

אַבא קליגער, װי געזאָגט, האָט דאָ בכלל געלעבט װי אַ נסתר. זיין באַקאַנט־שאַפט איז געװען באַגרעניצט, צו מיין װייניקייט און די משפּחה מיינע.

און כאָטש ער איז געװען אַ קראַנקער מענטש, קליין און אויסגעטריקנט, איז ער דאָ חלילה קיינעם צו לאַסט ניט געפאַלן. ער האָט דאָ אין שטאָט געהאַט אַ סיגאַר־סטענד, װאָס איז כמעט װי פאַר אים אַליין אויפגעבויט געװאָרן. קיינער, חוץ אים — האָט זיך דאָרט ניט געקאָנט באַװעגן. אַזוי קליין איז זיין סיגאַר־סטענד געװען. פון אָט־דעם „סטענדל״ האָט ער זיך אויסגעשלאָגן אַן אָרים שטיקל לעבן. ער האָט זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט אויף זיין גורל. ער האָט גאָר אין געװעגטייל זיך שטאַרק איבערגענומען דערמיט... איך האָב אים דאַן אַ נאָמען געגעבן: דזשאָן ד. דזשוניאָר ־ ראַקעפעלער. צוליב דעם האָט ער מיך אין יאָרן אַרום צוריקגעקיבעצט. אויף איינעם פון זיינע ביכער, מיר אייגנהאַנטיק צוגעשריבן אַזאַ װידמונג:

צו מיין ידיד, דעם אַלטן קיבעצער — יחזקאל בראָנשטיין,
װאָס האָט פון הויכע קולטורעלע בריקן
טועם געװען פון אַלע ליטעראַרישע גליקן
און דאַרף שוין מער נישט קיין תיקון.

— פאַר מיר איז עס פונקט גענוג — פלעגט ער אַ צופרידענער, װי אַן אמתער שמח בחלקו, זאָגן — צוליב דעם בין איך זעלבסטשטענדיק. עס גיט מיר נאָך אַלעמען אַ מעגלעכקייט צו לעבן רואיק און זיך אָפּגעבן מיט מיינע ליטעראַ־רישע אַרבעטן.

און זיין ליטעראַרישע אַרבעט איז דאַן אויסשליסלעך באַשטאַנען אין לערנען, זיך פאַרטיפן און איבערדיכטן די שפּעטערדיקע צװיי ביכער זיינע: „דאָס געט־לעכע ליד — בהאַװאַגאַד־גיטאַ״ און „דער װעג צו לייטערונג״.

זיינע הויפּט־שמועסן האָבן זיך אַלעמאָל געדרייט אַרום בודהאַ, קבלה און טעאָסאָפיע, װאָס האָבן אַגב מיך זייער װייניק אינטערעסירט. צוליב דעם האָט ער

קאַנטיק אין יענער צייט, זיך אײַנגאַנצן ניט אָפּגעגעבן מיט אָריגינעלע שאַפונגען.

איינמאָל האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און מיך אַ פרעג געטאָן:

— איר וואָלט וועלן, איך זאָל פאַר אײַך פאָרלייענען אַ פראַגמענט פון דער „בהאַגאַוואַד־גיטאַ — דאָס געטלעכע ליד״?

איך האָב אַוודאי מסכים געווען דערצו. באַוואונדערט זיין לשון. מיר איז אָבער פרעמד געווען די וועלט פון „דאָס געטלעכע ליד״, וואָס ער האָט אַזוי פאַרגעטערט און פראַכטפול איבערגעדיכטעט אין אַ זעלטן געלייטערטן, היינט־צייטיקן, ריטמישן לשון.

איך האָב אים געדולדיק אויסגעהערט און בדרך אַגב אים שטאַרק דער־מוטיקט ממשיך צו זיין אָט־די הייליקע אַרבעט, ווי ער אַליין האָט איר באַנאַמענט. איך האָב אָבער גלייכצייטיק ביי אים אויך גענומען מאַנען אָריגינעלע אַרבעטן אויף יידיש־לשון, וואָס ער האָט דערווייל אָפּגעלייגט אויף שפּעטער. מיט דער צייט האָב איך אים צענויפגעפירט מיט מיין גוטן חבר, דעם פּאָעט ל. בערקאָוויטש ז״ל, וועלכער איז אויך געווען פאַראינטערעסירט אין דיזעלבע לערעס. עס האָט זיך צווישן זיי אַנטוויקלט אַן אידעאַלע חברשאַפט, וואָס האָט אַגב אָנגעהאַלטן ביז צו דעם סוף פון זייערע טעג — און ביידע האָבן זיי רעגלמעסיק אָנגעהויבן באַזוכן אַ היגן טעאָסאָפישן טעמפּל. . .

מיטאַמאָל האָט זיך דאָ אַבאַ קליגערס געזונט־צושטאַנד שטאַרק פאַרערגערט. ער האָט באַלד ליקווידירט זיינע „גרויסע״ געשעפטן, און גלייך אַריבערגעפאָרן צו זיין שוועסטער קיין ניו־יאָרק.

אין ניו־יאָרק, ווי עס זעט אויס, האָט ער באַלד איבערגעלעבט דעם ווידער־געבורט פון זיין פּאָעטישער שליחות. עס האָט לאַנג ניט גענומען און ער האָט זיך אויפסניי גענומען אָפּגעבן מיט אָריגינעלע שאַפונגען אויף יידיש. ער האָט באַלד אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן אַ צאָל זייער געראָטענע לידער אין דער לינקער פּרעסע. מיט דער צייט איז ער פון דאָרטן אַוועק. זיינע לידער האָבן זיך אָפּטער געוומען באַוויזן אין אונדזערע היימישע און בעסטע זשורנאַלן, ווי די „צוקונפט״, דער „יידישער קעמפער״, „די גאָלדענע קייט״, „חשבון״ און אַנדערע אויסגאַבן.

זיינע לידער האָבן אַלעמען איבעראַשט מיט דער אָפּגעהיטנקייט פון זיין לשון, פאָרם און אינהאַלט, אויף אוניווערסאַלע טעמעס, אויף אַ הינטערגרונט פון מיסטיציזם.

צוליב דעם אָבער וואָס ער האָט ליידער ניט איבערגעלאָזט זיינע לידער אין בוך־פאָרם, איז פאַר מיר, וואָס לעבט אויף דער פּראָווינץ און קען ניט אַלץ האָבן צו דער האַנט, שווער אַצינד זיך אויף זיי צו קאָנצענטרירן, אין דעטאַלן.

אבא קליגערן איז אָבער יאָ געלונגען אַרויסצוגעבן זיינע גאָר געראָטענע איבערדיכטונגען אין צוויי בענדער: „דאָס געטלעכע ליד—בהאַגאַוואַד־גיטאַ״ און „דער וועג צו לייטערונג.״

זיין באַשיידנקייט אין לעבן האָט אויף אַזוי פיל האַרמאָנירט מיט זיין באַ־שיידנקייט אין דער ליטעראַטור, אַז כאָטש זיינע איבערדיכטונגען פון אָט־די צוויי פון אים פאַרגעטערטע ספרים, האָבן אַרויסגערופן אַ סך לויב און באַוואונ־דערונג ביי אונדזערע בעסטע ליטעראַטור־מבינים, האָט ער זיי פונדעסטוועגן באַצייכנט, נ י ט ווי איבערדיכטונגען, נאָר „איבערגעגעבן אין יידיש פון

אבא קליגער," ניט ווי עס פירט זיך: איבערגעדיכטעט, אפילו ניט — איבער־געזעצט, וואָס ווערט געוויינלעך אָנגעגעבן אויף אַזעלכע אַרבעטן.

זיינע ביידע אַריינפירן צו אַט־די צוויי ספרים, אייגנטלעך — גוט אַדורכ־געטראַכטע און אויסגעפּירטע עסייען, האָבן אים אויף תמיד צוגעאייגנט צו דעם סאַמע והערטפולסטן וואָס מיר פאַרמאָגן היינט־צו־טאָג אין אונדזער עסייאיסטיק. אין אַט־די עסייען זיינע, באַשטעטיקט זיך זיין באַהאַוונטקייט אין אַ סך זאַכן, און טיילט אים אויס ווי אַ שעפערישע פּערזענלעכקייט, אַן ערודיט און אויסטייטשער פון גייסטיקע ווערטן, אין וועלכע ער האָט זיך אויסגעלעבט אין זיין גאַרער איינ־זאַמקייט און שעפערישן לעבן, וואָס איז דורכאויס געווען מוסטערהאַפט.

זיין עסיי „דאָס געטלעכע ליד — בהאַוואַגאַד־גיטאַ", טייטשט ער אויס ווי אַ שליחות אין דער וועלט פון מחשבות, ווי ...דאָס טיף־מיסטישע ספרל פון דער היבדו אמונה... ער האָלט, אַז ...דער תוכן פון דעם איז, דאָס שליחות צום זוכנדיקן מיסטישן געמיט, וואָס שטייט דערשראָקן און צערודערט אינמיט פון די סתירות פון דעם לעבן... און אַז ... בלויז מיט אינער־חוש קען מען עס אויפנעמען...

און נאָר אַ דאַנק דעם וואָס ער גופא איז זיין גאַנץ לעבן געווען באַהערשט פון זיין אייגענעם, סענסיטיוון און איידעלען אינער־חוש, אין שייכות מיט אַ בענקשאַפט און גאַרונג צו וועלן... דערגיין צום תוך פון ניט־פאַרשטענדלעכע זאַכן... ווי אַ צוגאָב צו זיין נייגונג צו מיסטיציזם בכלל, און זיין טאַלאַנט צו קענען זיך אַריינטירן אין אַזעלכע ענינים, איז אים געלונגען זיך איינצולעבן, איבער־צודיכטן און אויסטייטשן „דאָס געטלעכע ליד" און „דעם וועג צו לייטערונג," אויף אַזאַ שיינעם און קלאָר־פאַרשטענדלעכן אופן, אין דער פולסטער האַרמאָניע מיט יאָגאַ, וואָס באַצוועקט צו ...לייזן די חידות און דערגיין צום אורקוואַל פון וויסן, די חכמה נסתרה...

אינטערעסאַנט איז צו באַמערקן, ווי אַבאַ קליגער הויבט דאָ אַרויס דעם יידישן מאָמענט אין דעם געטלעכן ליד — בהאַוואַגאַט־גיטאַ:

...דאָס געטלעכע ליד — שרייבט ער — איז פול מיט יידיש וויסן און חכמה, מיט יידישן ביטחון, מיט דער יידישער השגה פון מידת הרחמים. דאָס זינגט אויס די משיח־אידייע...

דער מחבר איז ...זיך מודה, אַז פון דער ערשטער ביז דער לעצטער שורה האָט זיך ניט אָפּגעטאָן פון מיר די ציטערניש, דער פחד און שטייגנדיקער יראת הכבוד... פאַר אַט־דעם מערקווירדיקן ספר.

צוליב אַט־דעם יראת הכבוד זיינעם, ערלעכן צוגאַנג און עכטקייט צום געטלעכן ליד, האָט זיך אים אַזוי איינגעגעבן עס איבערצודיכטן אין אַזאַ פּער־פעקטער פאָרם.

זיין צווייטער עסיי, א.ג. „בודהאָס וועג צו לייטערונג" איז פאַרטראַכט און אויסגעפירט מיט דער זעלבער התמדה, באַגייסטערונג און פאַרנעם, ווי דער ערשטער.

דער נאָמען בודהאַ, ווערט דאָ אויסגעטייטשט ...ניט ווי נאָך אַ נאָמען, נאָר אַ מדרגה...

...בודהאַ איז די ניט־שטאַרבלעכקייט, די שלימות, דאָס ווערן דערלייזט, פריי פון לייד, וועלקונג, אַלטקייט, טויט; ווערן איינס מיט אַלץ, דאָס איז דער א ח ד — נירוואַנאַ...

מ. אַליצקי

# אַמאָל

אַמאָל האָב איך געשעמט זיך מיט מיין פּערז.
באַהאַלטן אים ביי זיך, פאַר זיך אַליין;
באַהאַלטן אים ווי אַ ביטערניש אַ טרערם —
און דאָס איז שיין.

היינט טראָג איך אים אָרום ווי אַ פּלאַקאַט:
אַ וואָרט צו הערן, ניט געמיינט און זים,
אַ שמייכל זעען אויף אַ פּנים זאַט—
און דאָס איז מיאוס.

# אויגנבליק

**THE WAY A CROW...**
**R. FROST**

דאָס רונדע אויג פון סעמאַפאָר
האָט גרין און גיך געטאָן אַ קוק.
דאָס איז געווען פאַר מיר גענוג
איך זאָל איצט לעבן יאָר נאָך יאָר,
אין ליכט פון יענעם סעמאַפאָר.

וואָס מיינט אַן אויגנבליק: אַ בלאָז פון שניי,
אַ לייכטער ריר פון ביימל נאָר—
פאַרשטאַנען האָט דער דיכטער קלאָר,
און אין אַ ליד פאַרגליווערט זיי:
דעם ריר פון בוים און בלאָז פון שניי.

---

אַזוי איז נאָך אַ לאַנג־יאָריקער צוגרייטונג און אייגענער באַמיאונג פון פאַרשערישער אַרבעט אויף די צוויי דערמאָנטע פון אים פאַרהייליקטע ספרים, אַבא קליגער נתגלה געוואָרן ווי אַ פּאָעט און אויך אַ באַגאַבטער עסייאיסט, וואָס איז צושטאַנד געקומען אין אַ רייפן עלטער, און זיך גופא איינגעזאַמלט און פאַר־אייביקט אין דעם אוצר פון אונדזער קאָלירפולער און רייכער ליטעראַטור אויף יידיש־לשון.

מ. אַליצקי

# אַמאָל

אמאָל האָב איך געשעמט זיך מיט מיין פערז.
באַהאַלטן אים ביי זיך, פאַר זיך אַליין;
באַהאַלטן אים ווי אַ ביטערניש אַ טרערס —
און דאָס איז שיין.

היינט טראָג איך אים אָרום ווי אַ פּלאַקאַט:
אַ וואָרט צו הערן, ניט געמיינט און זיס,
אַ שמייכל זעען אויף אַ פּנים זאַט —
און דאָס איז מיאוס.

# אויגנבליק

**THE WAY A CROW...**
**R. FROST**

דאָס רונדע אויג פון סעמאָפאָר
האָט גרין און גיך געטאָן אַ קוק.
דאָס איז געווען פאַר מיר געַנוג
איך זאָל איצט לעבן יאָר נאָך יאָר,
אין ליכט פון יענעם סעמאָפאָר.

וואָס מיינט אַן אויגנבליק: אַ בלאָז פון שניי,
אַ לייכטער ריר פון ביימל נאָר—
פאַרשטאַנען האָט דער דיכטער קלאָר,
און אין אַ ליד פאַרגליווערט זיי:
דעם ריר פון בוים און בלאָז פון שניי.

---

אַזוי איז נאָך אַ לאַנג־יאָריקער צוגרייטונג און אייגענער באַמיאונג פון פאַרשרישער אַרבעט אויף די צוויי דערמאָנטע פון אים פאַרהיליקטע ספרים, אַבא קליגער נתגלה געוואָרן ווי אַ פּאָעט און אויך אַ באַגאַבטער עסייאיסט, וואָס איז צושטאַנד געקומען אין אַ רייפן עלטער, און זיך גופא איינגעזאַמלט און פאַר־אייביקט אין דעם אוצר פון אונדזער קאָלירפולער און רייכער ליטעראַטור אויף יידיש־לשון.

י. פרידלאַנד

# סיימאָן סאַפיר

## "A SELF MADE MAN"

(פראַגמענט פון אַ גרעסערער דערציילונג)

### פון דער סעריע: „אונטער אַמעריקאַנער הימלען"

סיימאָנ׳ס קינדהייט, זיין היים און שטוב־אַטמאָספערע איז ניט געווען קיין גאָר אידעאַלע. ער איז ניט געקומען אויף דער רשעות׳דיקער וועלט אין אַ „זיידן העמדעלע". געבוירן ביי אָרעמע עלטערן; די מאַמע, אַ קראַנקע, און דער טאַטע זיינער, תמיד אַ בייזער, אָן אַ פונק פון טאַטעשן באַגענטן אויפמערק, ווי עס טרעפט אין היימען וואו עס הערשט ניט קיין שלום בית. צום ייִנגל׳ס אומגליק איז אים די מאַמע זיינע, פון גרויס עגמת־נפש און אָפטער קראַנקהייט, געשטאָרבן, ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָר אַכט. איז ער געבליבן כמעט ווי אַ קיילעכדיקער, עלנטער יתום, אָן די ליבע פון אַ צערטלעכער מוטער, נאָר מיט אַ טאַטן, אַ ייד אַ מרוק, אַ בעל־כעסן, אָן אַ געפיל פון אַחריות, וועלכער האָט מער אין זינען געהאַט אַזאַרט־שפּילן אין „פערדלעך", ווי זיין בן־יחידל דעם יתום. איז ער טאַקע לאַנג ניט געבליבן קיין אלמן. אַ קאַרגן יאָר נאָך דער ווייב׳ס פטירה, האָט ער אָפּגעזוכט אַן עלטערע מיידל פון אַ יאָר פינף־און־דרייסיק, מיט אַ צענדליק יאָר ייִנגער פון אים, און האָט חתונה געהאַט.

בערל סאַפיר, סיימאָנ׳ס פאָטער, האָט ניט געהאַט קיין באַשטימטע באַשעפטיקונג; אַ ווינט־מעטש; האָט געהאַט גרויסע השגות און ווייניק פרנסה. אָבער דער ביי־ער ווייב זיינער האָט ער צוגעזאָגט כלערליי גליקן; זיך באַרימט פאַר איר, אַז ער איז אַ גרויסער פאַרדינער. האָט זי מסכים געווען צום שידוך און אויך מושווה געווען צו האַלטן דאָס ייִנגל אין שטוב. אַז פון די אַלע שיינע הבטחות האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך, איז די ווייב זיינע תמיד אַרומגעגאַנגען אַן אומצופרידענע און האָט מיט דעם טאַטן זיינעם זיך רק אַרומגעקריגט, און פלעגט אים אָפּט פאָרוואַרפן, אַז ער האָט זי מיאוס אָפּגענאַרט:

— האָסט פאַר מיר זיך פאָרגעשטעלט ווי אַ פאַרמעגלעכער, אַ גרויסער פאַרדינער, ס׳וועט מיר קיין זאַך ביי דיר ניט פעלן; לסוף ווער איך אויסגעריסן; האָסט קיינמאָל ניט גענוג אויף דער הויז־הוצאה; און צוגאָב דאַרף איך נאָך געבן עסן דעם ממזר דיינעם! — האָט זי אים, דעם ייִנגל, ממש ניט פאַרגונען דעם ביסן אין מויל.

— אַן אומזיסטיקער פרעסער אין שטוב! — האָט זי ביי יעדער געלעגנהייט אויף אים עגוואַלדעוועט: — גיי אין גאַס עפּעס פאַרדינען! וועסט נאָך אויסוואַקסן אַזאַ גאַרנישט, אַזאַ „באָם" און פוילאַק, ווי דער טאַטע דיינער! ביי לייטן אַ ייִנגל, ברענגט שוין אַריין עפּעס אין שטוב צושטייער אויף דער הוצאה!...

ווען די שטיף־מאַמע זיינע האָט שוין געבוירן אַן אייגנס, איז דעם ייִנגלס אָרט אין שטוב נאָך ערגער געוואָרן, און געמוזט נאָך טאָן כלערליי הויז־אַרבעטן און שליחותן...

איינמאָל איז דער צען־יאָריקער סיימאָן אַהיים געקומען פון „סקול" און זיך געגומען אויסמייסטרעווען אַ „שוך־קעסטל". האָט איינגעקויפט ברוינעם און שוואַרצן „שו־וואַקס", אַ פּאָר בערשטלעך און לייוועטענע פּאָלישערס, און האָט זיך נאָך סקול־צייט אַוועקגעשטעלט ביים ראָג נעבן דער יידישער מעקאַליסטער גאַס אין סאַן פראַנציסקאָ, און איז געוואָרן אַ „פּאַלבער" שוך־פּוצער. די דורכגייער פאַרביי אים האָט ער נאָכגערופן: „שיין מיסטער?"? „בייס שיין"!...

ער האָט אויך גיך „אויפגעכאַפּט דעם שניט" ווי און וויאַזוי דאָס צו טאָן, און איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ „פּאַרדינער". די קליינע פּאַרדינסטן זיינע פלעגט ער ברענגען אַהיים און אַוועקגעגעבן דער שטיפמאַמען זיינער, וועט זי אים אפשר אויפצוהערן יאָדען און מאַטערן...

סיימאָן, אַ קלוג און ספּריטנער בחורל, האָט זיך צוגעקוקט צו די אַנדערע חברים פּאַרדינער אין דער גאַס; האָט ער דערנאָך אויפגעגעבן דאָס שוך־פּוצעריי און זיך גענומען פאַרקויפן צייטונגען אין די פּאַרנאַכטן, און אויך טאָן אַנדערע שליחותן אַרום די יידישע געוועלבן. די גאַס איז געוואָרן זיין שולע פון לעבן. דאָרטן האָט ער געלערנט אַז דאָס לעבן, פּאָר אַזעלכע ווי ער, איז אַיין שווערער און טאָג־טעגלעכער געיעג צו פּאַרדינען אויף דאָס בידנע שטיקל עקזיסטענץ...

צו סיימאָנ'ס זעכצנטן געבוירנטאָג, הגם ער האָט געהאַט כלערליי מכשולים און שוועריקייטן אין דער היים, האָט ער דאָך פאַרענדיקט די הויך־שול. כאָטש ער האָט געהאַט דעם ווילן און תשוקה ממשיך צו זיין דאָס לערנען, האָט ער אָבער ניט געהאַט די מיטלען און אויך ניט די דערמוטיקונג, ניט פון טאַטן זיינעם און אויך ניט פון זיין שטיפמאַמען. האָט ער איינמאָל אָנגעשלאָסן זיך אָן אַ גרופּע יונגע בחורים, ווי ער, הויך־שול חברים, וואָס זיינען ווערבירט געוואָרן פון אַן ענגלישער צייטונגס־אַגענטור, אַרומצופאָרן מיט אַן עלטערן פון זיי, אַ „סופּער"־פּאַרוואַלטער, צווישן די פּאַרמערס, אין די ישובים פון צפון און דרום קאַליפאָרניע, צו סאָליסיטירן אַבאָנימענטן פאַר אַ פּאָפּולערן זשורנאַל.

די גרופּע יונגע בחורים האָבן גיך זיך אויסגעלערנט דעם פּיזמון: „היות מיר זאַמלען אַבאָנימענטן אויף דעם „מעגעזין" בכדי צו באַקומען אַ פּרעמיע פון „סקאָלערשיפּ" אויף אַריינצוקומען אין „קאָלעדזש", בכן בעטן מיר אייך, גוטע מענטשן, זיך אַבאָנירן אויף אָט־דעם אינטערעסאַנטן מעגעזין, וועלן מיר דורך דעם קענען מעגלעך מאַכן אונדזער ווילן צו לערנען"...

טייל פון די פּאַרמערס פלעגן זיך אַבאָנירן אויס רחמנות צו די פיינע יונגעלייט, וועלכע ווילן זיך לערנען נאָר האָבן נישט קיין אַנדער וועג און מיטל ווי דאָס צו רעאַליזירן...

סיימאָן האָט זיך מיט דעם באַשעפטיקט עטלעכע זומערן. ער האָט אַרויסגעוויזן אויף דעם געביט פון „סיילסמאַנשיפּ" אַ גאָר באַזונדערע פעאיקייט; אַזוי אַז דער „סופּער"־פּאַרוואַלטער פון דער אַגענטור האָט אים איבערגעגעבן אַ פרישע גרופּע יוגנטלעכע „איינצוברעכן" זיי אין אָט־דער אַרבעט פון זאַמלען סובסקריפּציעס פאַר דעם פּאָפּולערן זשורנאַל.

במשך פון עטלעכע זומערן באַשעפטיקונג מיט דער אַרבעט, אַרום די פּאַרמ־ראַיאָנען פון קאַליפאָרניע ביז אָרעגאָן, האָט סיימאָן גאַנץ נישקשהדיק פאַרדינט, סיי פון די „קאָמישאַנס" און סיי פון עקסטרע „באָנוסעס", פאַר זייבע אויסצייכענונגען אויף דעם פעלד. אין דער צווישנצייט פון איין זמן און אַנדערן, האָט די

אַגענטור אים שוין אויך געהאַלטן באַשעפטיקט אַרום דעם זשורנאַלן־פאַרשפרייט איבערן לאַנד. ער איז געוואָרן גוט דערפאַרן אַרום דעם געביט און גאַנץ גוט פאַרדינט. אָבער, דאָס איז ניט געוועזן סיימאָנ'ס אַמביציע און ציל פאַר זיין צוקונפט... אַרומפאָרנדיק צווישן די פאַרמערס, האָט ער זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דעם מצב פון די פאַרמס און זייער אַרט לעבן.

סיימאָן, הגם אַליין אַן אויפגעצויגענער אין דער גרויסשטאָט, האָט אים דאָס שטיל, רואיק, אידיליש לעבן פון די דאָרפס־מענטשן, אויף אייגענער ערד, מיט אייגענע נחלות, מער אימפאָנירט ווי דאָס שטאָטישע יאָגעניש און האַרבעדיקע קאָנקורענץ. ער האָט געזען, אַז ווער ס'איז דאָרטן מער איינגעפונדעוועט, ווער ווייניקער, אָבער דער רוב פון זיי, אפילו מיט אַ מינימום אַמביציע, פילן פאַר זיך אַ זיכערקייט מיט דעם מאָרגן; אַ סך זיכערער און רואיקער פון דעם שטאָטישן אַרבעטער און קרעמער, וועלכער איז אין שטענדיקן געיעג נאָך דעם זיכערן „שטיקל ברויט"...

במשך אַ לענגערע צייט האָט דער געדאַנק אים באַוועלטיקט: די מחשבה, אַז זיין צוקונפט וואָלט ער וועלן בויען ביי דער נאַטור, ציען זיין יניקה פון דער מאַמע־ערד, איז געוואָרן ביי אים אַן איינגעשטעלטע פיקס־אידייע. אַט־דער געפיל האָט ביי אים געטליעט, ווי אַ צעפלעמלטער פונק, וואָס האָט זיך שוין ניט געלאָזט אויסלעשן...

סיימאָן איז געקומען צו דער מסקנא, אַז זיין צוקונפט וועט ער בויען אויף דעם יסוד פון ערד־באַאַרבעטונג, אויף אַן אייגענער פאַרם־ווירטשאַפט. ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער נאָכגעפרעגט זיך וועגן דעם עניין, איינגעזאַפט אין זיך יעדע פראַקטישע אינפאָרמאַציע און ידיעות בשייכות מיט דעם. אָבער — איך וועל זיך ניט נעמען צו פאַרמעריי — האָט ער ביי זיך אָפגעמאַכט — אָן דער געהעריקער צוגרייטונג, הן וויסנשאַפטלעך והן מאַטעריעל. איידער כ'וועל דעצידירן אַזאַ אונטערנעמונג אָנצוהויבן, וועל איך קודם כל גרינדלעך דערלערנען דעם אַגראַר־וויסנשאַפטלעכן עניין און אַלע זיינע אַספעקטן.

ראשית כל, האָט ער פאַר זיך אויסגעלייגט אַ פראָגראַם, ווען און ווי אַזוי וועט ער זיין חלום קענען רעאַליזירן.

— כ'וועל פריער אויפנעמען אַן אַגראַר קורס אין דעם אַגריקולטור קאָלעדזש אין בערקלי. און, אַז כ'וועל פאַלקאָם פאַרענדיקן דעם קורס, און וויסן גענוי וואָס איך וויל און ווי אַזוי צוטרעטן צו דעם, וועל איך ערשט דאַן אויפזוכן פאַר זיך אַ שטיק לאַנד; זיך „סעטלען" אויף אייגענעם באָדן, חתונה האָבן פאַר אַזאַ מיידל וואָס זאָל מרוצה זיין אַרויסצוקומען אויפן לאַנד און אויסבויען פאַר אונדז אַ רואיקע און זיכערע נעסט, און פירן דאַן אַ סאָליד באַלעבאַטיש לעבן, ווי די אומצייליקע פרייע, גליקלעכע ווירטשאַפטלער, וואָס כ'האָב אויף מיינע וועגן צווישן זיי אָפט באַגעגנט.

במשך די עטלעכע יאָר פון זיין באַשעפטיקונג ביי דער צייטונגס אַגענטור, האָט ער אָפגעשפאָרט עטלעכע הונדערט דאָלער. שפאָרזאַם איז ער געוועזן פון קינדוויז אָן, און געוואוסט האָט ער זייער גוט די ווערט פון דאָלער. אין ד ע ר געזעלשאַפט, האָט ער געלערנט, איז דער דאָלער דער הויפט יסוד פון דעם יחיד'ס עקזיסטענץ...

„אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט" — גייט דאָס ווערטל...

מיט אַמאָל! אומגעריכט און אומדערוואַרטעט — „פּ ו י ר ל  ה אַ ר ב אַ ר! דער פּאַרעטערישער, מערדערלעכער איבערפאַל פון יאַפּאַן אויף אַמעריקע! דאָס גאַנצע לאַנד איז דערשיטערט אויפגערודערט געוואָרן פון דער קאַטאַסטראָפע; יעדער איינער, יונג און אַלט, איז גרייט געווען צו שטעלן זיך אין דינסט פון לאַנד. אַמעריקע האָט תיכף אָנגעהויבן מאָביליזירן אַלע אירע מיליטערישע און אינ־דוסטריעלע כוחות. סיימאָן, אַנשטאָט וואַרטן רעקרוטירט צו ווערן, האָט ער פרייוויליק זיך אַנגעשלאָסן אין דער יו. עס. אַרמיי.

נאָך עטלעכע חדשים פון האַרבער מושטירונג, איז ער אַפּגעשיקט געוואָרן מיט אַ קאָנטינגענט, פריער קיין לאָנדאָן, ענגלאַנד, דערנאָך צום פראָנט. צו זיין גליק איז סיימאָן, צוליב זיין באַשעפטיקונג אין דער היים, ביי אַ פרעס אַגענטור, האָט מען אים אָנגעשטעלט אין דעם פרעס און אינפאָרמאַציע דעפּאַרטמענט. הגם דער אָפּטייל איז אויך מיטגעגאַנגען אַרום די שלאַכטן, האָט ער אָבער קיין דירעקטן אנטייל אין זיי ניט גענומען. ער האָט אָבער גענוג אָנגעזען זיך מיט כלערליי אומגליקן און רשעותן, מענטשלעכער דעגראַדירונג, בלוט פאַרגיסונג. מאָרדן, קראַנקהייטן און חולאתן, וואָס מלחמה ברענגט מיט זיך. ניט איינמאָל האָט ער שטיל געטראָגן אויף זיינע ליפּן אַ פלוך אויף דעם שרעקלעכן מאָנסטער און מלחמה־משחית — אומברענגער פון דער מענטשהייט! . . .

ענדלעך איז דער פון אַלעמען געגאַרטער סוף צו דער מלחמה געקומען. די וועלט האָט פריער אָפּגעאָטעמט און די באַטייליקטע אין איר אַוודאי און אוודאי. נאָך דעם ענדלעכן און פייערלעכן נצחון איבער דעם מערדערלעכן, ברוּ־טאַלן, ווילד־חיהשן היטלעריזם, האָט אַ טייל פון דער זיגרייכער אַמעריקאַנער אַרמיי אַריינגעמאַרשירט קיין פּאַריז. צווישן די אַריינגעמאַרשירטע זעלנער האָט זיך אויך געפונען סיימאָן סאַפּיר, דער העלד פון דעם סיפור המעשה.

די פרייד פון די פּאַריזער איז געווען אין לשער. די גליקלעך־באַפרייטע פּאַריזער פון דעם היטלעריסטישן יאָך, זיינען אין די מיליאָנען אַרויס אין די גאַסן, יובלענדיק באַגעגענען די אַמעריקאַנער זעלנער. אַ גרויסע, לעבעדיקע, פייערלעכע שטיק מענטשהייט פאַראייניקט אין איין גרויסן פייערלעכן יום־טוב פון פרייהייט און נצחון! פרויען און מענער האָבן זיך ליבלעך געאַרעמט און געקושט זיך מיט אַלעמען... אַ יונג, שיין, באַחנט פראַנצויזיש מיידל האָט אין דעם פייערלעכן, פון מענטשן טאַנצנדיקן געווירבל, מיטאַמאָל זיך געפונען אין די אָרעמס פון דעם פריילעך זינגענדיקן סיימאָן; און, אַזוי זינגענדיק און טאַנצנדיק האָט די יונגע שיינע מיידל, מיט דעם נאָמען זשעראַלדין, דערנאָך איינגעלאַדן אים אין הויז פון אירע עלטערן.

סיימאָן איז געוואָרן ביי אָט־דער צופעליק באַקאַנטער מיידל און אירע עלטערן אַן אָפּטער בן־בית. יעדן מאָל ווען ער האָט נאָר געהאַט אורלויב פון לאַגער, וואו זיין קאָנטינגענט האָט סטאַציאָנירט, פלעגט ער פאַרפאָרן צו אָט־דער צופעליק באַקאַנטער פראַנצויזישער משפחה. די עלטערן האָבן אים שוין געהאַלטן כמעט ווי אַן אייגענעם. די משפחה איז געווען פון אַ מיטלשטאַנד קלאַס; דער פאָטער איז געווען אַ פּרינציפּאַל אין אַ פּאַלק־שול, האָט געקענט שוואַכלעך אַביסל דייטש און ענגליש, אַזוי, אַז סיימאָן האָט זיך מיט אים געקענט, מער־ווינציק, צונויפרעדן. מיט זשעראַלדין, די מיידל, און דעם יונגערן ברוּ־דער אירן, זשאַרזש, איז שוין דאָס צוזאַמענריידן אָנגעקומען אַביסל שווערער;

בלויז געציילטע עלעמענטאַרע ענגלישע ווערטער האָבן זיי געוואוסט, אויף אַזוי־פיל ווי סיימאָן פראַנצויזיש. סיימאָן האָט ערשט דערפילט די אומבאַהאָלפנקייט פון דער פרעמדשפּראַכיקייט צווישן פעלקער. אין יענעם מאָמענט האָט ער געטראַכט: ווי וואויל ס'וואָלט געווען, ווען איין אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך פאַר אַלע פעלקער מ'וואָלט געלערנט; וויפיל מיספאַרשטענדענישן מ'וואָלט אויסגעמיטן און... אפשר וואָלט דאָס אויך געבראַכט אַ טראָט נעענטער צום אָפּשאַף פון מלחמות גאָר אינגאַנצן!...

ווען די טעג פון סיימאָנס פאַרלאָזן פּאַריז האָט זיך דערנעענטערט, האָט זשעראַלדין מיט זשאָרזש פאַרבעטן סיימאָנען אַרויסצופאָרן אין זייער אויטאָ מיט זיי מחוץ פּאַריז, ווייזן אים דאָס לאַנד, באַקאָנען אים מיט דער פראַנקרייך פון דאָרף און שטעטל.

דער טאָג איז געווען אַ זוניקער, אַ פרילינגדיקער, אַ פּרעכטיק־שיינער; ביי די זייטן פון די בעטאָנענע וועגן — רייען מיט געדיכטע, שאָטנדיקע אַקאַציע ביימער; קליינע ישובים צעוואָרפן איבערן לאַנד; די מרחקים פון איין ישוב צום אַנדערן, זיינען די פעלדער דאָ און דאָרטן געווען ריין און גלאַט צעאַקערטע, אויך פעלדער מיט יונגן גרינעם אויפשפּראָץ, ווי מיט גרינע טעפּיכער צעשפּרייטע. די קליינע שטעטלעך אַרום, אַזעלכע שטילע, אידיליש־דרימלענדיקע, אין גרויסן קאָנטראַסט צו דעם טומלדיקן, לעבעדיק־פּולסירנדיקן פּאַריז. אין אַט־די שטעטלעך האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט; דאָ און דאָרטן געטראָפן אַ ביר־סאַלאָן, וואו פאַרלעך זיינען געזעסן, שטיל און געמיטלעך געזופּט פון די פינקלענדיקע גלעזער דעם ביר; אַ בוך־געשעפט אויף דער הויפּט־גאַס; אַ בילדער־געוועלב, כלערליי „בריק־א־בראק", אָביעקטן וואָס האָבן געהויכט מיט קינסטלערישקייט... סיימאָנען האָט עס דערמאָנט אין זיין קאַליפאָרניער שטעטל: „קאַרמעל־ביי־די־סי" (כרמל ביים ים).

די דריי יונגע מענטשן, זשעראַלדין, זשאָרזש און סיימאָן, פון באַזונדערע לענדער און קאָנטינענטן, הגם זיי האָבן ניט גאָר גרינג געקענט זיך צוזאַמענריידן, האָט אָבער די פרייד פון לעבן און יוגנטלעכקייט זיי האַרמאָניש געאייניקט און אינטים פאַרבונדן דורך דער אינטערנאַציאָנאַלער שפּראַך פון מוזיק און געזאַנג. זשעדאַלדין און זשאָרזש האָבן פאַרצויגן אַ פּאָר טענער פון „קאַרמען" און פון „באַרבער דע סעוויל" און סיימאָן האָט מיט זיין פיין־לירישן טענאָר מיטגעזונגען אויך אַ פּאָר אַמעריקאַנער פּאָפּולערע פאָלקס־לידלעך, וואָס די אַמעריקאַנער זעלנער האָבן איבערגעלאָזט. און, ס'האָט זיך געשאַפן פון דעם „דריילינג" אַ טריאָ פון לעבעדיק, הייפּערדיק געזאַנג.

סיימאָן האָט יענע נסיעה, מיט זיינע יוגנטלעכע, ניי־געפונענע פריינט אויף די פּרעכטיקע באַבוימערטע שיינע וועגן, צווישן גרין באַוואַקסענע פעלדער, אונטער פראַנקרייכ'ס בלויע הימלען און שפּע'דיקע ערד, אַ צייט־לאַנג ניט געקענט פאַרגעסן . . .

נאָך די גרויליקע מלחמה־טעג פון אוממענטשלעכע גרויזאַמע איבער־לעבונגען, זיינען עס אָט־די נאָך־מלחמה טעג, אין דעם פרייען פּאַריז, צווישן אָט־די פריינדלעכע גוטע מענטשן, געווען פאַר אים טעג פון איין גרויסע עקזאַל־טירנדיקע פרייד און דערהויבנקייט... ניט איינמאָל האָט ער אַ טראַכט געטאָן:

— אָ! ווען מ׳לאָזט נאָר לעבן אויף אַ־דער גרויסער ליכטיקער וועלט! ווען די גרויס־מאַכטן און הערשער וואָלטן באמת נישט געזוכט צו פאַרפירן מלחמות; ניט אינסטיגירן און אויפרייצן, דורך פּראָפּאַגאַנדע, איין פאָלק קעגן אַנדערן, וואָלט אפשר דאָס רוב רשעות מיט דער צייט אויך זיך אויפגעלייזט; אַ סך אומפאַרשטענדעניש וואָלטן עלימינירט געוואָרן; מענטשן וואָלטן זיך דער־הויבן צו בעסערע און שענערע מעשים; גוטע באַציאונגען פון ראַסע צו ראַסע, פון מענטש צו מענטש, וואָלט פריער, שפּעטער זיך איינגעשטעלט...

סיימאָן האָט נאָך יענעם אָוונט הארציק, וואַרעם צעזעגנט זיך מיט זשעראַלדין, זשאַרזשן און מיט די עלטערן זייערע. אָט־די צופּעליקע באַקאַנטשאַפט מיט דער גוטער פראַנצויזישער פאָלקסטימלעכער משפחה איז געבליבן ביי אים פון די שענסטע לויטערע זכרונות אין יענע נאָך־מלחמה־טעג, און געהויבן דעם גלויבן ביי אים אין דאָס גוטע און בעסערע אין דעם מענטשן...

עטלעכע געציילטע טעג נאָך דעם געזעגענען זיך איז סיימאָן שוין געווען צווישן דעם אָפּטייל פון זיין קאָנטיגענט אויף אַ שיף וואָס איז געשוואומען אויף דעם אַטלאַנטיק צו די שטאַטן. די רייזע איז געווען אַ גאָר פריילעכע, אַ זינגעוו־דיקע און אַ היבש טומלדיקע פון די באַפרייענדיקע, אַהיים־פאָרנדיקע זעלנער. סיימאָן, הגם ער איז ניט אָפּגעשטאַנען פון דער פריילעך־זינגעוודיקע מחנה, איז ער אָבער טיילמאָל געבליבן מיט זיך אַליין און נאָכגעטראַכט:

— אָט פאָרן מיר אַלע צוריק, צו אונדזער באַליבט היימלאַנד; דאַנק גאָט, געזונטע, ניט באַשעדיקטע פון דעם מלחמה־משחית; אַלע פילן זיך גליקלעך, וואָס דער פאַטאַלער גורל האָט אַזוי באַשטימט, אַז מיר זאָלן לעבן בלייבן און צוריק זיך אומקערן צו אונדזער ליבער, גלאָרייכער „יו־עס". דער רוב פון אָט־דער אויפגעהייטערטע, פריילעך זינגעוודיקע מאַסע, קערט זיך אום, ווער צו ליבע טאַטע־מאַמע, וועלכע האָבן מיט אַנגסטן און צער אויסגעבענקט זייערע הערצער, נאָך זייערע זין; און איצט וועלן זיי מיט מאַמעשער און טאַטעשער ליבע אויפנעמען זיי. אויך, ווער פון זיי פאָרט צו זייבער אַ כלה אָדער ווייב, וועלכע האָט מיט וואַרעמער בענקשאַפט געוואַרט אויף אָט־דער ליבער, זיסער שעה פון זייער הייסן צוזאַמענטרעף... אָבער... איך, סיימאָן סאַפּיר, צו וועמען פאָר איך? ניט די צאַרטקייט פון אַ ליבער מוטער, און ניט די נאָענטשאַפט פון אַ פריידיקן פאָטער, וועט מיר מיט וואַרעמער דערוואַרטונג אופנעמען...

אַ בענקשאַפט האָט אים איין יענעם מאָמענט אַרומגענומען צוזאַמען מיט אַן איינגעוואָרצלט געפיל פון שנאה צו זיין אומפאַראַנטוואָרטלעכן טאַטן זיינעם—דער אומברענגער פון זיין ליבער מוטער. יאָ, אומברענגער! קיין אַנדער וואָרט האָט ער ניט געהאַט פאַר דער ברוטאַלער האַנדלונג פון זיין פאָטער לגבי זיין קראַנקער מוטער.

ער דערמאָנט זיך איצט, פון זיין טאַטנס רשעותדיקע האַנדלונג, קען ער עס אים ניט פאַרגעבן. אַלס קינד פון 4־5 יאָר, פלעגט ער מוראדיק ליידן, צו זען ווי די מאַמע זיינע וויינט. זי פלעגט רק וויינען אויף איר ביטערן גורל. אַמאָל פלעגט דער טאַטע זיינער פאַרפאַלן ווערן אויף עטלעכע טעג, קומען דער־נאָך אַהיים אָן אַ פּרוטה אין קעשענע; די קליינע פאַרדינסטן פלעגט ער „פאַר־געמבלען" אין אַזאַרט־שפּילן אָדער וועטן אויף פערדלעך. איינמאָל האָט אים אויס־געפעלט געלט אויף צום „געמבלען" האָט ער אויפגעזוכט דער מאַמעס דיאַמאַנט־

רינג, איר חתונה־מתנה; די מאַמע האָט זיך געשטעלט דאַקעגן, האָט געוואָלט דעם רינג פון אים צונעמען, האָט ער זי אַ שליידער געטאָן פון זיך, און איז אַרויס פון שטוב. זי איז דערנאָך שטאַרק פאַרשלאָפט געוואָרן; האָט זיך אָפּגעמאַטערט אַ פּאָר יאָר און איז געשטאָרבן. דאָס בילד קען ער עד היום ניט פאַרגעסן. די מאַמע איז געווען אַזאַ גוטע, אַזאַ צאַרטע, שטילע טויב; האָט שטיל געליטן און שטיל געשטאָרבן. זינט דאַן האָט זיך איינגעגעסטלט ביי סיימאָנען אַ מאָדנער ווידערגעפיל צום טאַטן זיינעם. מיט אַ שטילער שנאה צו אים האָט ער זיך אַרומגעטראָגן. שוין דאַן, אַלס קליינער יינגל, האָט ער פעסט ביי זיך באַשלאָסן, אַז ער וועט, ווי וויט ס'איז נאָר מעגלעך, זיך פון אים דערווייטערן; ניט האָבן מיט אים קיין שום מגע־ומשא. ער וועט אויסשמידן פאַר זיך אַן אייגן לעבן, אויסטרעטן פאַר זיך אַן אייגענעם וועג...

דאָך, ניט געקוקט אויף דעם אַלץ, און אויך וואָס ער האָט אפילו ניט געזעגנט זיך מיט זיין טאַטן און שטיפמאַמען, און אויך צומאָל אפילו קיין בריוול ניט געשריבן וועגן זיין געביין — און אפשר טאַקע צוליב דעם — וועט ער זיך פונדעסטוועגן יאָ באַוויזן צו דער בלומרשטעטער משפחה זיינער. ניט וואָס ער דאַרף צו זיי הלילה אָנקומען! ניין, אָט אַזוי זיך — האָט אַ מחשבה אים אונטערגערופּעט . . .

— כ'בין ביז איצט, כמעט פון קינדווייז אָן, „מיין שטעטל מיר אַליין באַשטאַנען" און וועל עס אַזוי טאָן ווייטער. אַ, ווי גוט ס'איז, אַז מ'איז זעלבסט־שטענדיק! — האָט ער פאַר זיך אויסגערופן.

זיינע אָפּגעשפּאָרטע עטלעכע הונדערט דאָלער ליגן פאַר אים אין באַנק געזיכערטע, נאָך איידער ער האָט זיך אַנגעשלאָסן אין דער אַרמיי. און איצט איז נאָך צוגעקומען, אין צוגאָב פון זיינע אָפּגעשפּאָרטע געלטער במשך די פּאָר יאָר זייענדיק אין דינסט ביי „אַנקל סעם", שאַפט זיך עס פאַר אים אָן אָפּקלייב פון אַ ניט־קליינעם פאַרמעג.

מיט אָט די געדאַנקען און זעלבסט־צופרידענע מעדיטאַציעס איז ער אַרונטער פון דער באַן, וואָס האָט אים געבראַכט צו זיין געבוירן־שטאָט, סאַן פראַנציסקאָ.

* * *

איידער וואָס־ווען האָט סיימאָן גענומען פאַר זיך אַ צימער אין אַ האָטעל, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַביסל איינגעשטעלט, איז ער דערנאָך אַרונטער צו „מאַרקעט סטריט", האָט איינגעקויפט אַ פּאָר מתנות פאַר די קינדער, אויך דעם טאַטן און דער שטיפמאַמען ניט פאַרגעסן, און איז צוגעפאָרן צו דער שטוב פון זיין קינדהייט. ווי ער האָט דערוואַרט, האָט ער קיין באַזונדערע פריידיקע אויפנאַמע ניט באַגעגנט. די אָפּגעפרעמדקייט צווישן זיי האָט געלאָזן שטאַרקע שפּורן פון אַ מחיצהדיקע ווייטקייט; איז די באַגעגעניש געווען אַ קאַלטע, אַן אַ צוזאַגנדיקע דערנעענטערונג.

ווען סיימאָנס פאָטער איז אָנגעקומען פון גאַס און האָט דאָ געטראָפן זיין אומדערוואַרטעטן, אָפּגעפרעמדטן פון אים, זון, האָט ער אין דעם מאָמענט אימפּולסיוו זיך געענעט און אויסגעשטרעקט אים אַ האַנט. האָט זיך אויסגעפרעגט אַביסל וועגן זיין געביין:

— האָב געמיינט אַז דו ביסט שוין מער ניט צווישן די לעבעדיקע!

אויך צווישן זון און טאַטן האָט זיך ניט געקענט מער אַנצונדן אַ פונק פון אייגנשאַפט און אינטים בלוטיקע פאַרוואַנדשאַפט.

אין אַט־דער אייז־קאַלטער אַטמאָספערע איז געווען פאַר אים, און מסתמא אויך פאַר זיי, אַן אַפּקומעניש. מ׳האָט אפילו פון יוצא וועגן אים ניט פאַרבעטן צו בלייבן אויף אָוונט־ברויט...

פון דער קאַלטער אַנגעצויגענער שטימונג האָט אים שוין אַנגעהויבן שטאַרק פאַרדריסן, וואָס ער האָט גאָר איגנאַנצן באַוויזן זיך צו זיי...

ער האָט איבערגעלאָזט דאָס פעקל מתנות, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך, און האָט פאַרלאָזט די שטוב מיט אַ קאַלטן געזעגן...

לוי גאָלדבערג

## דער וועג צו זיך

דער וועג צו זיך, איז אַלע מאָל דער שווערסטער.
דער וועג פון זיך — אַ לייכטער שפּאַן אַריבער;
דו היפּערסט בערג, פלאַכן, גריבער,
און אויף דעם שטרויכל־אָרט, דו שטייסט דער ערשטער.

דו לייטער זיך, און פון דעם לייטער אַ באַהערשטער
נעם אָן דעם גורל צו גיין אַריבער דערנער
דורך ווינט און רעגן — וועלן אויפגיין קערנער
אויף דיין פעלד, געבענטשט צו זיין אין מי, דער שווערסטער.

און נאָך די אַלע מיען, פון צאַמען אַ באַפרייטער —
אין אַ לאַבערינט פון קוים געאַנטע שטעגן —
וועט אַ ליכט דיר אויפשיינען אַנטקעגן
און ווייזן דיר דעם וועג צו זיך, אין אַ געלייטער.

דער וועג צו זיך, ער קומט מיט פיין געכאַוועט,
פאַר מעשים טובים, זיך צו עלטערן אין כבוד.

---

תיקון טעות: אין לוי גאָלדבערג׳ס סאָנעט „זייט ביי דייט״ אין לעצטן נומער 28 „חשבון״ דאַרף זיך לייענען די ניינטע שורה: „אָפט ווען חכמה פלעגעט אים ביים לעבן״, (אָנשטאָט „פלעגט״).

אויך צווישן זון און טאַטן האָט זיך ניט געקענט מער אַנצונדן אַ פונק פון אייגנשאַפט און אינטים בלוטיקע פאַרוואַנדשאַפט.

אין אַט־דער אייז־קאַלטער אַטמאָספערע איז געווען פאַר אים, און מסתמא אויך פאַר זיי, אַן אָפּקומעניש. מ'האָט אפילו פון יוצא וועגן אים ניט פאַרבעטן צו בלייבן אויף אָוונט־ברויט...

פון דער קאַלטער אַנגעצויגענער שטימונג האָט אים שוין אָנגעהויבן שטאַרק פאַרדריסן, וואָס ער האָט גאָר איינגאַנצן באַוויזן זיך צו זיי...

ער האָט איבערגעלאָזט דאָס פּעקל מתנות, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך, און האָט פאַרלאָזט די שטוב מיט אַ קאַלטן געזעגן...

לוי גאָלדבערג

# דער וועג צו זיך

דער וועג צו זיך, איז אַלע מאָל דער שווערסטער.
דער וועג פון זיך — אַ לייכטער שפּאַן אריבער;
דו היפּערסט בערג, פלאַכן, גריבער,
און אויף דעם שטרויכל־אָרט, דו שטייסט דער ערשטער.

דו לייטער זיך, און פון דעם לייטער אַ באַהערשטער
נעם אַן דעם גורל צו גיין אריבער דערנער
דורך ווינט און רעגן — וועלן אויפגיין קערנער
אויף דיין פעלד, געבענטשט צו זיין אין מי, דער שווערסטער.

און נאָך די אַלע מיען, פון צאַמען אַ באַפרייטער —
אין אַ לאַבערינט פון קוים געאַנטע שטעגן —
וועט אַ ליכט דיר אויפשיינען אַנטקעגן
און ווייזן דיר דעם וועג צו זיך, אין אַ געלייטער.

דער וועג צו זיך, ער קומט מיט פיין געבאַוועט,
פאַר מעשים טובים, זיך צו עלטערן אין כבוד.

---

תיקון טעות: אין לוי גאָלדבערג'ס סאָנעט „זייט ביי דייט" אין לעצטן נומער 28 „חשבון" דאַרף זיך לייענען די ניינטע שורה: „אָפּט ווען חכמה פלעגעט אים ביים לעבן", (אָנשטאָט „פלעגט").

סאָלאָמאָן קאַהאַן

# פינטשע בערמאַנ'ס ראָמאַנטישע פּריזמע

(רעצענזיע — צוגעשיקט צום „חשבון”)

## וועגן מאַנכע לידער פון זיין בוך „אָפענע פענצטער”

אין דער איצטיקער צייט, ווען איבער אונדזער לעבן הענגען שווערע וואָלקנס פון אומזיכערקייט וועגן דער וועלטס מאָרגן; ווען דאָס געשפּענסט פון אַטאָמישע באָמבעס און אַלערליי אַנדערע, חורבן און טויט ברענגענדיקע וואָפן, האַלט אונדז אין אַ שטענדיקער שפּאַנונג און רויבט פון אונדז דעם שלאָף, איז גוט, ווען מ'קען זיך אַביסל פאַרגעסן, אַנטלויפן פון דערווירקלעכקייט, און זיך באַהאַלטן פון איר אין אַ ווינקעלע פון ראָמאַנטיק, פון שיינעם טרוים; אין דעם פאַרכישופטן ווינקעלע פון ראָמאַנטישער דיכטונג; פון לידער, וואָס זייער פּאָעזיע איז עכט, וואָס זייער דופט איז, גייסטיק זיס.

מעג מען זיך זיין איך ווייס נישט וואָס פאַר אַ שטאַרקער אַנהענגער פון מאָדערניזם אין פּאָעזיע; מעג מען איך ווייס נישט ווי ווייט זיין אָוועקגעגאַנגען פון, לאָמיר זאָגן, אברהם רייזען — אין דער צייט אָבער פון אומאויפהערלעכער נערוועזער שפּאַנונג אין וועלכער מיר לעבן, איז אַ גאָר גרויסער פאַרגעניגן ווען מ'טרעפט זיך אָן אויף אַ פּאָעט, וואָס פילט טיף, נישט זייענדיק סענטימענטאַל, און וואָס דריקט זיך אויס ביז גאָר איינפאַך, נישט זייענדיק פּרימיטיוו; אַ דיכטער, וואָס זיין אַנטציקנדיקע איינפאַכקייט זאָגט גלייכצייטיק עדות אויף אַ ראַפינירטן געשמאַק.

ווען מיר טרעפן זיך אָן אויף אַזאַ מין פּאָעט, אַ דיכטער, וואָס, נישט נאָכמאַכנדיק אברהם רייזענען, זינגט ער אויף אַן ענלעכן אופן און באַהאַנדלט אין זיינע לידער גאַנץ אָפט רייזענשע טעמעס, איז אונדזער הנאה ביים לייענען אים גאָר אַ באַזונדערע.

2.

פינטשע בערמאַן, אין דער אָפּטיילונג „אָפענע פענצטער” פון זיין בוך מיט אָט־דעם נאָמען, איז אַזאַ מין פּאָעט.

ווי קען נישט געפעלן ווערן אַזאַ מין דיכטערישער קרעדאָ ווי דער, וואָס מיט אים הויבט זיך אָן זיין געדיכט: „מיין וועלט איז אַן אייביקער חלום”?

„מיין וועלט איז אַן אייביקער חלום —  
נישט מעסט און נישט וועג וואָס —  
די זון גייט דאָ קיינמאָל נישט אונטער,  
די שטערן אויך פינקלען ביי טאָג,  
און אַלץ דאָ פּולסירט און באַוועגט זיך,  
און אַלץ דאָ איז ליכטיק און וואָר,  
ווי דאָס וואַסער אין האַרץ פון די טאָלן,  
וואָס צעמורמלט זיך קוואַליק און קלאָר.”

אין אַט־די פּיין געשליפענע פערזן געפינט זיך פּאַטקיש די פּריזמע, דורך וועלכער אונדזער דיכטער זעט די וועלט. זי לאָזט אים זען ניט אין טונקעלע, נאָר אין העלע פאַרבן דאָס איז זיין רעכט, דאָס רעכט פון יעדן ראָמאַנטיקער אויפ־צובויען אין זיינע פערזן אָדער אין זיין קינסטלערישער פּראָזע זיין פּאַלאַץ־פעס־טונג, פון וועלכן אויס ער נעגירט די גרויע פּראָזאַאישקייט פון דער וועלט אַרום.

די וועלט געזען דורך דער פּריזמע פון פינטשע בערמאַן, דעם ראָמאַנטישן פּאָעט, איז אַ וועלט אַ ליכטיקע, אַ קלאָרע, אַ לויטערע:

„פאַראַן אַזוי פיל גוטסקייט אויף דער וועלט.<br>
פאַראַן אַזוי פיל שיינקייט, אָן אַ צאָל;<br>
עס דאַרף נאָר די נשמה זיין צעהעלט,<br>
מען דאַרף עס נאָר אַ זוך טאָן ווען אַמאָל.

פאַראַן אַזוי פיל חברשאַפט אַרום,<br>
פאַראַן אַזוי פיל ליבשאַפט אָן אַ ברעג;<br>
עס דאַרף נאָר זעל צעשטראַלט זיין אומעטום,<br>
עס דאַרף נאָר זיין באַלויכטן יעדער וועג.“

.3

ווען איך האָב פריער אונטערשטראָכן, אַז פינטשע בערמאַן לעבט זיך אויס אין דער אָפּטיילונג „אָפענע פענצטער“ פון זיין לידער־בוך, „אַ לאַ רייזען“, האָב איך עס נישט געמיינט לגנאי, נאָר, אומגעקערט, לשבח.

ווייל רייזען איז געווען, און בלייבט, אין דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע דער אויטענטישער פאַרטרעטער פון דיכטונג מיט טיפן גלויבן אין מענטשן און אין דער וועלט, ווי איר הינטערגרונט.

און פּונקט אַזוי ווי רייזען איז נישט געווען אין זיין פּאָעזיע, פאַרן לייענער, קיין מאָראַל־פּרעדיקער, נאָר אַ האַרציקער פריינט, וואָס האָט צו אים אויסגעצויגן אַ האַנט מיט איניקער פריינדשאַפט — פּונקט אַזוי איז אויך אונדזער דיכטער פינטשע בערמאַנס, גרונט־שטימונג:

„איך זאָג נישט קיין מוסר, איך גיב נישט קיין עצות,<br>
איך קום נישט מיט שטראָף־רייד פאַר קיינעם —<br>
מיין ליד איז פון לעבן, פון פרייד און פון ליבע,<br>
איך זינג עס אַליין און אינאיינעם.

איך זאָג נישט קיין מוסר, איך גיב נישט קיין עצות,<br>
איך זוך נישט דעם זינען פון תורות —<br>
מיין ליד איז פון יאָגנט, פון האַרץ וואָס עס צאַפּלט,<br>
פון היינט און פון קומענדע דורות.“

מיט אַזאַ לויטערן געמיט פון דעם דיכטער, וואָס דער קוואַל פון אַט־דער לויטערקייט איז מענטשן־ליבע און מענטשן־פאַרשטענדעניש, קלינגט נאַטירלעך דעם דיכטערס דערקלערונג:

„באַגעגן איך וועמען אין ווי' און אין לייד—
לייד איך מיט אים זיינע ווייען;
באַגעגן איך איינעם, וואָס שפּרודלט מיט פרייד—
גיי איך צוזאַמען זיך פרייען."

און איז אַ וואַריאַציע אויף דער זעלבער טעמע פון מענטשן־ליבע און מענטשן־פאַרשטענדעניש. זי איז אויסגעדריקט אין די פאָלגנדיקע פּרעכטיקע פערזן:

„ווער ס'רינגלט אַרום זיך מיט דראָט און מיט צווימען,
און אָפענע שליאַכן פאַרבויט ער מיט וואַנט;
איך—מיינע אויגן זיי דיינען צעפראַלטע—
באַגעגנט מיך שטענדיק אַ פריינטלעכע האַנט.

ווער ס'בעט אין דער שטיל און פאַרדוקט אין אַ ווינקל,
און זינגט פון זיין פּיין גאָר, באַהאַלטן, פאַרשטעלט;
איך—מיין געזאַנג גייט מיט ריקוד און חדווה—
זינגט מיט מיר גאָט און די גאַנצעלע וועלט."

ווערט שוין אויך פאַרשטענדלעך דער אויסקלאַנג פון „אָפענע פענצטער", וואָס אים וועלן, אַזוי צו זאָגן, אונטערשרייבן מיטביידע הענט יענע אַלע מענטשן, וואָס די נאַטור האָט זיי באַגליקט (אָדער באַשטראָפט) מיט יענעם דראַנג זיך אויסצודריקן, סיי אין פערזן און סיי אין קינסטלערישער פּראָזע, און וואָס מ'רופט עס געוויינלעך „דיכטערישער טעמפּעראַמענט":

„אָן אַ ליד און אָן געזאַנג
איז ווי אַ שטימע אָן אַ קלאַנג,
ווי אַ זעגל אָן אַ ווינט,
ווי אַ היים, וואָס האָט קיין קינד.

אָן אַ ליד און אָן געזאַנג,
איז אַ ווילן אָן אַ דראַנג,
ווי אָן אויג, וואָס האָט קיין שיין,
ווי אַ בעכער אָן דעם ווין."

די אָפּטיילונג „אָפענע פענצטער" פון פינטשע בערמאַנס בוך געהערט צו יענער עכטער פּאָעזיע, וואָס מיט יעדן מאָל לייענען איר אויפסניי, אַנטדעקט אין איר דער לייענער אַלץ נייע ניואַנסן, סיי אין דעם זין פון טיפקייט פון געפיל און סיי וואָס שייך שפּראַכלעכער שיינקייט. ס'איז אַ פיינער בייטראַג צום אוצר פון דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע.

---

## ווערט אַ שטענדיקער אַבאָנענט פון דעם „חשבון"

---

**פינטשע בערמאַן**

## צי וויל איך דען מער?

לייגט זיך דער העקער אין שאָטן פון בוים,
און טרוימט פון אַ נעסט, און אַ וויג, און אַ היים,
און הערט ווי עס שפּילט אין די צווייגן דער ווינט,
און ס'דוכט זיך אים: ערגעץ צעזינגט זיך אַ קינד...
קייקלט פון אויג זיך אַרונטער אַ טרער—
צי וויל איך דען מער?

שטעלט זיך דער יעגער אויף ביקס אָנגעשפּאַרט,
און זעט אַ פּאָר אויגן צעשראָקן און צאַרט...
צעצינדט זיך אין אים און ס'צעפלאַמט זיך אַ ליכט,
וואָס לייכט און באַלייכט אַ צעשמייכלט געזיכט...
קייקלט פון אויג זיך אַרונער אַ טרער—
צי וויל איך דען מער?

קומט מיט דער נאַכט אָן דער וואָגלער צוגיין
און זעצט זיך אַ מידער אויף אָן עלנדן שטיין—
צעפּראַלט זיך אַ טיר און עס שטרעקן זיך הענט,
און עס גייט אויף אַ מאָרגן צעשטראַלט און צעבלענדט...
קייקלט פון אויג זיך אַרונער אַ טרער—
צי וויל איך דען מער?

## ווי טויבן אין שלאָק

עס האָט ניט באַשטימט מיך די זון איר פּאַרטרעטער,
עס האָט ניט געזאַלבט מיך דער הימלשער בלוי;
איך בין נאָר אַ וועכטער, אַ היטער פון בלעטער,
וואָס הענגען אויף צווייגן פאַרטרויערט אין גרוי...

עס זינגען די פייגלען — איך ווייס ניט פאַר וועמען—
איך הער זיך דאָך צו, און איך זינג מיט זיי מיט.
דער טוי קושט די גראָזן, און אויך מיינע ברעמען,
און ס'טראָגט אויף זיין פליגל דער ווינט אויך מיין ליד.

און פאַלט ווען אַ בלאַט אָפּ, דאַן פאַל איך צוזאַמען...
מיר טוליען זיך וואַרעם — מיט באַק צו אַ באַק.
מיר טרויערןביידע אויף פאַרלאָשענע פלאַמען,
און דרימלען פאַרחלומט, ווי טויבן אין שלאָק...

נח גאָלדבערג

# פּיש אויף פּסח

(דערציילונג)

ערב פּסח אינדערפרי, איידער זלאַטע און איר מאַן, מיכל, זיינען אַוועק צו דער אַרבעט, איז זי ראשית אַריינגעגאַנגען צו אַ שכנה, געבעטן יענע זאָל קויפן פיש פאַר איר און נאָכדעם אָנגעזאָגט זייער איינציקן קינד, בערעלען, וואָס האָט זיך גוט געלערנט סיי אין שולע און סיי אין דער דערבייאיקער תלמוד־תורה:

— בערעלע, זאָלסט נישט פאַרגעסן אָפּצונעמען די פיש ביי דער מיסעס קופּער און אַריינלייגן אין אייזקאַסטן.

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט זיך בערעלע געשפּילט מיט נאָך קינדער ביי זיך אין גאַס. נאָר דערזעענדיק פון ווייטן ווי די מיסעס קופּער האָט געשטופּט אַן אָנ־געפּאַקט וועגעלע אויף צווי רעדלעך, איז ער צוגעגאַנגען צו איר און געפרעגט:

— מיסעס קופּער, איר האָט געקויפט פיש פאַר אונדז?

אַ קורץ־געוויקסיקע, וואָס איז געווען ברייטער ווי לענגער, מיט פולע, גלאַנ־ציקע באַקן, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און פונעם וועגעלע אַרויסגענומען אַ דורכ־געווייקטע צייטונג, פון וועלכער עס האָט זיך אַרויסגעזען דער ברייטער עק פון אַ גרויסן פיש און אין דער פרויס גרויסע און שוואַרצע אויגן האָט זיך באַוויזן דער שמייכל פון אַ ליבער מוטער:

— נאַ, טראָג דאָס אַריין אין שטוב. ס'איז אַ לעבעדיקער קאַרפּ!

— אַ לעבעדיקער! — האָט בערעלע ברייט צעעפנט די אייגעלעך, געקראַצט זיך אין קעפּל, אָפּריער געקוקט אויף דער מיסעס קופּער, דערנאָך אויף דער צייטונג און אַלץ נישט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי אַ פיש קאָן לעבן אין פּאַפּיר־טאַקע אַ לעבעדיקער?

— אַוודאי אַ לעבעדיקער! — האָט די פרוי געלאַכט פונעם ייִנגלס חידושן זיך און איר הויכער, רונדער בויך האָט זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ פון געלעכ־טער — ביז דיין מאַמע וועט קומען אַהיים, קאָנסטו דערווייל אָנגיסן אַ וואַנע מיט וואַסער, אַריינלאָזן אַהין דעם פיש און דו וועסט זען אַז ער לעבט...

הגם בערעלע האָט נאָך דערוויל דעם איינגעוויקטן פיש נישט געזען, האָט אים פונדעסטוועגן שוין אָנגענומען אַ רחמנות אויף דעם לעבעדיקן באַשעפעניש. דאָך איז בערעלע, אַ גראַביטשקער ווי אַ קאַראַפּוזל, אַ היבשע ווילע געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע הענטלעך און געשלאָגן זיך מיט דער דעה וואָס צו טאָן. דער־נאָך האָט ער מיט נייגעריקייט צוגענומען דאָס פּעקל פון דער פרוי און אַ געשריי געטאָן צו די אַנדערע ייִנגלעך אין גאַס:

— העי, חברה! איך האָב אַ לעבעדיקן פיש!...

מיט היטלעך און אָן היטלעך אויף די קעפּלעך איז ער, מיט אַ כאַפּטע חברים־לעך, אַריינגעלאָפן צו זיך אין שטוב, אַריינגעשטופּט זיך אין דעם נישט צו גרויסן באָד־צימער, און תיכף אָפּגעדרייט דעם קאַלטן קראַן. דאָס וואַסער האָט מיט אימפּעט אָנגעהויבן רוישן, שיסן מיט אַ שאַרפן, ווייסן שטראָם און ווען די וואַנע איז שוין געווען האַלב אָן אָנגעפילטע, האָט בערעלע אַרויסגעשיילט דעם פיש פון דער צייטונג און אַריינגעלאָזט אַהין.

די חברה־לייט האָבן אַראָפּגעגידערט אויף די קני, פאַרגאַפטע געקוקט אויף די ברעקלעך פּאַפּיר, וואָס האָבן זיך אָפּגעקלעפּט פונעם פיש און מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן גרויסן נס, וואָס האָט געזאָלט געשען:

— ער איז אַ טויטער! ער רירט זיך ניט פון אָרט! — האָט איין ייִנגל געשריִען און אַ צווייטער, מיט אַן אָפּגעשוירן קעפּל האָר, ווי ביי אַ יאָזשיקל, האָט מעשה מבין געדעדט מיט כלומרשטער געלאַסנקייט אין קולכל:

ער קען נישט שווימען, ווייל די וואַנע איז צו קליין...

מיט גרויסע, אַרויסגעשטאַרצטע אויגן איז דער קאַרפּ אַ היפּשע ווײַלע גע־לעגן אויף אַ זייט און קיין סימן פון לעבן נישט אַרויסגעוויזן. דערנאָך אָבער, האָט ער זיך פּאַמעלעך, קוים באַמערקבאַר, אויסגעגלייכט אויפן בויך, אַ שוואַכן כאַכע־געטאָן מיט די פליספעדערן, צעעפנט דעם גרויסן מויל מיט די גראָבע, פאַרקאַטשעטע ראָזעווע ליפּן, אַ ריר געגעבן זיך פון אָרט און ווידער שטיין געבליבן.

— זע ! ער לעבט! אוי סאַראַ גרויסער ער איז !

אַ ייִנגל האָט דעם פיש אַ טאַרקע געטאָן מיט אַ שטעקעלע איבערן עק. דער קאַרפּ האָט זיך דערשראָקן, אַ לאָז געטאָן זיך לענגאויס די וואַנע און פון דער אַנטקעגנדיקער וואַנט געכאַפּט אַ זעץ איבערן קאָפּ.

— לאָז מיך, וועל איך אים פּאַקן — האָט זיך דאָס ייִנגל מיטן אָפּגעשוירעענם קעפּל האָר געבעטן ביי בערעלען און דערביי אַזוי ממזריש געלאַכט מיט זיינע שמאָלע אייגעלעך, אַז די קלייִען אויף זיין ווייס פּנימל האָבן באַקומען טויזנטער חנען — איך וועל אַריינשטעקן אַ פינגער צו אים אין מויל און דו וועסט זען, אַז ער וועט מיר נישט בייסן.

בערעלעס פאַרברוינט פּנימל האָט איצט געשוויצט און געגלאַנצט. די אויגע־לעך האָבן געפינקלט און געלאַכט. די שפּיצן בעקעלעך האָבן געפלעמלט פון נצחון. פונעם געפיל אַז ביי אים איז פאַראַן אַ לעבעדיקער פיש, צו וועמען ער איז גלייך צוגעבונדן געוואָרן ווי צו אַ שיינעם, שפּילעוודיקן הינטל, איז ער מיטאַמאָל וויכטיקער און גרעסער געוואָרן פון אַלע ייִנגלעך אין שטוב.

געוויס האָט זיך אים געוואָלט אַ פּאַק־געבן דעם פיש מיט ביידע הענט און האַלטן אים אונטערן קראַן, נאָך האַסטיקער לאָזן דאָס וואַסער פלייצן און זען וואָס עס וועט זיין. אָבער דאָס געפיל פון זיין אַ באַלעבאָס איבער אַ לעבעדיקער זאַך, האָט אים אָפּגעהאַלטן דערפון. איז ער איצט מעשה עלטערער שוין, געשטאַנען נעבן וואַנע, מיט פאַרליבטע בליקן געקוקט אין וואַסער און געבעטן זיך ביי דער חברה :

— שרייט נישט! טשעפּעט אים נישט! דער פיש וועט זיך דערשרעקן און שטאַרבן ! . . .

שפּעטער אַ ווײַלע, ווי נאָר זלאַטע האָט געעפנט די טיר, איז דער טומל פון די קינדער אָפּגעווישט געוואָרן. איינציקווייז און אין פאַרלעך האָבן זיי זיך גע־לאָזט אַרויסלויפן פון שטוב און איבער די הילצערנע טרעפּ פון קאָרידאָר האָבן זיך צעטראָגן און צעקלונגען פרישע, הילכיקע שטימעלעך, מיט יונגע, שפּרינ־געוודיקע טריטלעך.

— וואָס איז דאָס געשען, בערעלע ?

די מוטער האָט נישט געוואַרט אויפן זונס ענטפער. אַן אומרואיקע איז זי

אַריין אין באָד־צימער און דערזעענדיק דעם פיש אין וואַסער, האָט זיך איר פּנים פאַרקרומט ווי פון אַ פּלוצימדיקן צאָן־וויטיק:

— אַ לעבעדיקער קאַרפּ גאָר?

— יאָ — האָט דאָס ייִנגל הכנעהדיק געקוקט אויף דער מאַמען, געלאַכט מיט אַזאַ צעשפּרונגענעם געלעכטער, וואָס איז געקומען פון האַרצן אַרויס און געטרייסלט זיין אַנגעפּויזט גופל. — אמת, מאַ, אַז דער פיש איז זייער אַ שיינער?..

זלאַטע האָט נישט פאַרשטאַנען: וואָס איז דאָ, מיישטיינס געזאָגט, פאַר אַ שיינקייט אין אַ פיש? און האָט נישט געענטפערט אויף בערעלעס פראַגע. זי האָט געהאַט אַ סך אַרבעט צו טאָן, איז זי אַרויס פון דאַנען. אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם מאַנטל, אַריין אין קיך, אָנגעטאָן אַ פאַרטוך און פאַרשאַרט די לאַנגע אַרבל פון דער בלוזקע. אין אַ הילצערנעם מולטערל אָנגעבראָקט אַ סך ציבעלע, דאָס צעהאַקט אויף פיצלעך. נאָכדעם איז זי צוריק אַריין אין באָד־צימער און געוואָלט אַרויס־נעמען דעם קאַרפּ פון וואַסער, ערשט בערעלע האָט איר אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און אָנגעהויבן וויינען:

— מאַ, נעם אים נישט אַרויס! דער פיש וועט שטאַרבן!

פון זיין פאַרגיין זיך אין געוויין האָט זיך זלאַטע דערשראָקן און אַרויס־געכאַפּט די האַנט פון וואַנע:

— וואָס וויינסטו, דו נאַרישער ייִנגל? דעם פיש דאַרף מען דאָך אָלץ איינס צעהאַקן און קאָכן. הער אויף וויינען! שוין שפּעט. דער טאַטע וועט באַלד קומען און איך האָב נאָך גאָרנישט געטאָן.

בערעלע האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין ווי אַזוי זיין מוטער, וואָס איז אַלע־מאָל געווען אַזוי צאַרט און גוט צו אים, זאָל גאָר האָבן אַ האַרץ צו הרגענען אַ לעבעדיקע זאַך. אַט־די אומפאַרשטענדלעכקייט האָט אים געוויטיקט, געשראָקן און ווען ער האָט דערהערט וואָס זי קלייבט זיך צו טאָן מיטן פיש, האָט ער זיך צעוויינט נאָך העכער. דאָס פּנימל איז אים בלאַס געוואָרן. דערנאָך — שוואַרץ־בלוי. מיטאַמאָל האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און מיט די פיסלעך באַראַבאַנעוועט אין דיל. דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביז די טיר האָט זיך האַסטיק צעפראַלט און מיכל איז אַריינגעלאָפן אין באָד־צימער:

— וואָס איז דאָ פאַר אַ געוויין?

אַ בלאַס־געוואָרענע האָט זלאַטע געקנייטש אַ ברעג פאַרטוך און ווי אַ פאַרשולדיקטע געענטפערט:

— דיין תכשיט לאָזט נישט מאַכן די פיש...

— וואָס הייסט „ער לאָזט נישט?"

— פאַ! — איז בערעלע אַ כליפּענדיקער אויפגעשפּרונגען פון דער ערד, צוגעלאָפן צו טאַטן און געבעטן, אַז ער זאָל זיך אָננעמען פאַר אים — פאַ! די מאַמע ווי צעשניידן דעם פיש! ער וועט שטאַרבן! איך האָב אים ליב, פאַ! לאָז נישט, פאַ, לאָז נישט!

אין אָנהייב האָט מיכל געמיינט, אַז ביים ייִנגל איז דאָס נישט מער ווי אַ קאַפּריז. אָבער באַלד האָט ער אָנגעזען, אַז ער מאַכט אַ טעות, אַז דער דיבור געפיל ביים קינד גייט אַ סך טיפער. דאָס איז דעם טאַטן געפעלן געוואָרן. האָט ער, אַ הויכער און אַ טונקל־הויטיקער, מיט נישט קיין געגאָלטן פּנים, געגלעט בערעלעס שוואַרץ קעפּל און אין דער זעלבער צייט איינגעקוקט זיך אין דער וואַנע:

— שאַ־נו־שאַ. הער אויף וויינען.
— ווערסט נישט לאָזן, פֿאַ ?
— באַרואיק זיך, מיין קינד. איך וועל בעטן דער מאַמען זי זאָל דאָס נישט טאָן.

די שופּן ביים קאַרפּ האָבן אַרויסגעבליאַסקעט פון אונטערן וואַסער ווי קליי־ניקע, גילדערנע מטבעלעך. די צענומענע פליספּעדערן האָבן מיט גבורה געררו־דערט דאָס וואַסער ווי וויאָסלעס. דער ברייטער עק האָט געקערעוועט דעם גאַנצן קערפּער אין אַלע זייטן. זיין אַנגעגאָסענער קאַרק האָט אַריבערגעבערגלט דעם מעכטיקן קאָפּ. די גרויסע שוואַרצע אויגן, ווי די אויגן ביי דער מיסעס קופּער, האָבן געבליקט אַרום זיך מיט זיכערקייט און פרייד. דעם מויל האָט ער אַלע ווײַלע געעפנט און פאַרמאַכט, פונקט ווי דער פיש וואָלט אַפּגעלאַכט פונעם באַלעבאָס, וואָס איז געשטאַנען אַן איבערגעבויגענער און באַוואונדערט זיינע גראַציעזע באַוועגונגען.

אַ ווײַלע האָט מיכל באַטראַכט דעם גליקלעכן פיש, דערנאָך אַ הייב־געגעבן מיט די אַקסלען און אויסגעדרייט זיך מיטן פנים צום ווייב. און מען האָט געקענט זען, אַז אין זיינע אויגן גופא האָט אויפגעגליט די ליצנות פון אַן אַמאָליקן ווייס־חברהניק :

— איך האָב טאַקע ליב אַ שטיקל געפילטע פיש אויף יום־טוב. אָבער... דו זעסט דאָך, זלאַטע, אַז דאָס קינד איז צעוויטיקט דערפון... ער איז בילכער און וויכטיקער. איז אפשר זאָלסטו?...

וועגן קאָכן פיש איז שוין קיין רייד נישט געווען. זלאַטע האָט וועגן דעם אפילו די צונג נישט געוואָלט איבערקערן. אדרבא, טיף אין האַרצן האָט זי זיך גאָר אַביסל געפרייט וואָס זי וועט האָבן ווינציקער אַרבעט. אָבער, דערפאַר איז שפּעטער אַרויפגעשוואומען אַן אַנדער צרה, אויף וועלכער קיינער האָט זיך פריער נישט געריכט. אין אָוונט האָט זיך מיכל געוואָלט אויסבאָדן לכבוד יום־טוב. נאָר גיי און באָד זיך, אַז אין וואַנע איז מעשה באַלעבאָס אַרומגעשוואומען דער קאַרפּ!

און אַז די צרה איז ווי עס איז געלייזט געוואָרן, איז באַלד אָנגעקומען אַ צווייטע און אַן ערך ערנסטערע איידער די פריערדיקע : וואָס אַ שטייגער גיט מען דעם פיש עסן?

— בערעלע ! האָט זיך דער פאָטער געווענדט צו זיין קינד, ווי דער אַכט און אַ האַלב יעריקער זון זיינער וואָלט געוואוסט פון די זאַכן מער ווי ער גופא — האָסט כאָטש געלערנט וואָס מען גיט אַ פיש עסן ? . . .

דאָס ייִנגל איז רויט געוואָרן. ער האָט געוואוסט אַז די קלייניקע „גילדערנע פישעלעך", וואָס שווימען אַרום אין גלעזערנע קעסטעלעך, קאַרמעט מען מיט אַזעלכע געלע, צעשטויסענע גרויפּעלעך, און פאַר אים איז בלויז געווען אַ סוד, צי די „גילדערנע פישעלעך" דערזען אָדער דערפילן בחוש די גרויפּעלעך וואָס שווימען אַרום אויף דעם אויבערפלאַך פונעם וואַסערל. אָבער פון דעם וואָס מען גיט עסן אַ גרויסן פיש האָט בערעלע קיין אַנונג נישט געהאַט. און גערופן די מוטער צו הילף: — מאַ !

— וואָס איז דאָרטן?! — האָט זי אַרויסגעשריען פון קיך אַרויס.
— מאַ ! וואָס גיט מען אַ פיש עסן ? !
— איך ווייס נישט! אפשר אָנבראָקן אים מצה?...

צורשט איז בערעלע געשטאַנען אַ פאַרלוירענער און נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן דעם טאַטן. נאָר אין אַ ווײַלע אַרום איר ער פרייליך געוואָרן:

— פּאַ, איך ווייס שוין! איך האָב זיך דערמאָנט! אַ ייִנגל פון מײַן קלאַס האָט דערציילט, אַז גרויסע פיש עסן קליינע פישעלעך. וועל איך עפענען אַ שאַכטל סאַרדינס און געבן דאָס דעם קאַרפּ!

פון דעם ייִנגלס איינפאַל האָט זיך מיכל אַזוי צעלאַכט, אַז טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן, און ווען דאָס געלעכטער האָט אים אַ ווײַלע אָפּגעלאָזט, האָט ער גוטמוטיק אָנגעשריִען אויפן זון:

— צדיק מײַנער! דו ווייסט גאָרנישט, אַז סאַרדינס זײַנען חמצדיק...?

זלאַטע האָט זיך מיט איין אויער צוגעהערט צו זייערע רייד, און אַ געשריי געגעבן:

— פאַרדרייט זיך דאָרט אײַערע קעפּ! — און געלאַכט מיט אַ קלינגעוודיקן געלעכטער. בעת־מעשה האָט אַלץ געבערענט אונטער אירע פלינקע הענט. זי האָט געאַרבעט גיך, ווי אַן אויטאָמאַטישע מאַשין און מיט די בליקן געהיט, אַז די טעפּ אויפן אויוון זאָלן זיך נישט צוכאַפּן.

שפּעטער, ווען זי איז פאַרטיק געוואָרן מיטן קאָכן, באַקן און דער פאַרנאַכט איז צוגעפאַלן, האָבן זיך אַלע איבערגעטאָן אין די יום־טובדיקע בגדים. בערעלע האָט אויפן שפּיץ קעפּל אַרויפגעזעצט די בלויע יאַרמולקעלע, וואָס האָט אים צוגעגעבן טויזנטער חנען און אַ געדולדיקער געוואַרט ביז דער טאַטע וועט זיך אַוועקזעצן אויף דער היסב־בעט.

זלאַטע האָט פאַרקאַמט די לאַנגע, שוואַרצע האָר מיט אַ גלייכן שרונט אויפן מיטן קאָפּ. די ווייסע בלוזקע, מיט די פּערלמוטערדיקע קנעפּלעך, האָט איר שוואַרץ־חנעוודיקן פּנים צוגעגעבן ווייבלעכן רייץ. אַ גרינגע אויף די פיס און אַ שײַנענדיקע ווי אַ בת־מלכה האָט זי געבענטשט ליכט, געגרייט צום טיש, און מיכל האָט דערווײַלע געוואַשן זיך די הענט, אַוועקגעשטעלט פיר כוסות פאַר אים מיט ווייב און זון, אַ גרויסן — פאַר אליהו הנביא, אָנגעגאָסן מיט רויטן ווײַן, קידוש־געמאַכט און דער פּסח איז אויפגעגאַנגען.

די עלעקטרישע לאָמפּן האָבן איצט געוואָרפן מיט פּאַסמעס ליכט. דער יום־טוב האָט אַרויסגעשײַנט פון אַלע ווינקעלעך. די קליינע צופרידענע משפּחה איז געזעסן אַרום טיש. מיכל — אויבנאָן, אויף דעם אויפגעקלאַפּטן קישן, ווי אַן אמתער מלך. צו זײַן רעכטער האַנט — בערעלע; אַנטקעגן — זלאַטע. אַפריער די פיר קשיות און דערנאָך די הגדה, האָט בערעלע געזאָגט אויף אַ קול, מיטן זעלביקן ניגון ווי דער טאַטע און כאָטש דער סדר איז, אַן פיש, געווען אַביסל אַ מאָגערער, האָט זיך דאָס אָבער צופיל נישט אָנגעזען און סיי דער טאַטע און סיי די מאַמע האָבן מער הנאה געהאַט פון דעם ייִנגלס זאָגן די הגדה איידער פון גאַנצע פודן פיש . . .

נאָכן עסן און נאָכן בענטשן האָט זלאַטע די טיר געעפנט. דער טאַטע מיטן זון האָבן זיך אויפגעשטעלט. מיכל האָט אויפגעהויבן אליהו הנביא׳ס כוס, געבומען זאָגן דעם „שפוך חמתך“ און איבערן שטוב איז אַ נישט־דאָאיקע אימה דורכגעלאָפן. אין דער רגע האָט בערעלע אַ פאַרגנבעטן בליק געגעבן אויפן כוס און אים האָט זיך אויסגעוויזן אַז דער כוס האָט זיך באַוועגט אין דער לופטן, אַן דעם טאַטנס

**ז. כונין**

# עס גייט ניט אין דעם

כ׳וועל ניט נתפעל—
קיין האָר ניט,
די לאַנגע באַלאַדן און סאָנעטן,
פון געוויסע שרייבער, פּאָעטן,
וואָס רעדן פיל און זאָגן גאָרניט.
ניט אין קוואַנטום,
נאָר אין קוואַליטעט
ליגט דער טאַלאַנט פונם פּאָעט.

אַ פיר שורהדיק ליד
וואָס האָט דעם בלענד פון בליץ,
די טיפקייט פון ים,
אַ שיין מעטאַפאָר,
אַ גוטן גראַם,
—און, גוט אַזוי!
אין אמת׳ן,
די זון שפּיגלט זיך אַמאָל דאָך אָפּ
אין קלענסטן טראָפּן טוי!

---

האַנט, אַז דער ווײַן האָט זיך דאָרט צעבלעזלט אין קליינינקע כוואַליעלעך און דאָס ייִנגל איז געווען זיכער בײַ זיך, אַז דאָס האָט אליהו הנביא אָפּגעזופּט אַ פּאָר זופּן.

פון דעם געדאַנק איז איבער בערעלעס רוקן אַ הייליקער ציטער דורכגעלאָפן און כאָטש עס האָט אים אַ צי־געגעבן צו דעם אַלטן, גוטן אליהו, האָט ער זיך פאָרט צוגערוקט אַביסל נענטער צום טאַטן, ווי ער וואָלט נעבן טאַטנס געשטאַלט געווען אַביסל זיכערער. פונדעסטוועגן איז דער פּחד נישט אָפּגעטראָטן פונעם קינד. האָט בערעלע אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און מורא געהאַט אויפהייבן די בליקן פון דער ערד.

מיט ציטער אין אַלע אברים איז ער געשטאַנען ווי אַ פאַרכישופטער, אויפ־געכאַפּט יעדן שאָרך אַרום זיך, און ווען מיכלס זאָגן דעם „שפוך חמתך״ איז אויסגעגאַנגען, האָט בערעלע מיטאַמאָל דערהערט ווי דער פיש האָט זיך אַרומ־געיאָגט פון איין ברעג וואַנע צו אַנדערן און אַ פריילעכער געפּאַטשט מיטן עק איבערן וואַסער. און דעם ייִנגל האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אויך דער קאַרפּ פרייט זיך מיטן „יציאת מצרים״ און דאַנק דעם אויבערשטן, וואָס ער איז ניצול געוואָרן פון אַ זיכערן טויט...

**ז. בונין**

## עס גייט ניט אין דעם

כ׳וועל ניט נתפעל—
קיין האָר ניט,
די לאַנגע באַלאַדן און סאָנעטן,
פון געוויסע שרייבער, פּאָעטן,
וואָס רעדן פיל און זאָגן גאָרניט.
ניט אין קוואַנטום,
נאָר אין קוואַליטעט
ליגט דער טאַלאַנט פונם פּאָעט.

אַ פיר שורהדיק ליד
וואָס האָט דעם בלענד פון בליץ,
די טיפקייט פון ים,
אַ שיין מעטאַפאָר,
אַ גוטן גראַם,
—און, גוט אַזוי!
אין אמת׳ן,
די זון שפּיגלט זיך אַמאָל דאָך אָפּ
אין קלענסטן טראָפּן טוי!

---

האָנט, אַז דער ווייַן האָט זיך דאָרט צעבלעזלט אין קלייניקע כוואַליעלעך און דאָס ייִנגל איז געווען זיכער ביי זיך, אַז דאָס האָט אליהו הנביא אָפּגעזופּט אַ פּאָר זופּן.

פון דעם געדאַנק איז איבער בערעלעס רוקן אַ הייליקער ציטער דורכגעלאָפן און כאָטש עס האָט אים אַ צי־געגעבן צו דעם אַלטן, גוטן אליהו, האָט ער זיך פאָרט צוגערוקט אַביסל נענטער צום טאַטן, ווי ער וואָלט נעבן טאַטנס געשטאַלט געווען אַביסל זיכערער. פונדעסטוועגן איז דער פּחד נישט אָפּגעטראָטן פונעם קינד. האָט בערעלע אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און מורא געהאַט אויפהייבן די בליקן פון דער ערד.

מיט ציטער אין אַלע אברים איז ער געשטאַנען ווי אַ פאַרכישופטער, אויפּגעכאַפּט יעדן שאָרך אַרום זיך, און ווען מיכלס זאָגן דעם „שפוך חמתך״ איז אויסגעגאַנגען, האָט בערעלע מיטאַמאָל דערהערט ווי דער פיש האָט זיך אַרומגעיאָגט פון איין ברעג וואַנע צו אַנדערן און אַ פריילעכער געפּאַטשט מיטן עק איבערן וואַסער. און דעם ייִנגל האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אויך דער קאַרפּ פרייט זיך מיטן „יציאת מצרים״ און דאַנק דעם אויבערשטן, וואָס ער איז ניצול געוואָרן פון אַ זיכערן טויט...

משה ווייסמאַן (לאָם אַנגעלעס)

# אין די טעג פון שטילן צער

(דערציילונג)

ווען עס דערנענטערט זיך די נאַכט, ווערט לאה אומרואיק. מיט אירע ווייכע לאַטשן צעטריטלט זי זיך, ווי זי וואָלט אַרומגעשוועבט אין הויז. זי גייט פון איין צימער אַרויס, אין אַנדערן אַריין. דעם גאַנג אירן באַגלייט עפּעס אַ סודותדיקע שטילקייט און עס גליען ביי איר די אויגן, זיי וואָרענען — קיינער זאָל זיך אין איר וועג ניט שטעלן. און איר דינער קערפּער וויגט זיך אונטער אירע באַרעכנטע טריט.

לאה באַטראַכט אַלץ וואָס אין שטוב איז פאַראַנען, און זי לאָזט קיין זאַך ניט שטיין לאַנג אויף איין אָרט: זי בייט אַלץ איבער לויט אירע זיך טוישנדיקע שטימונגען.

לאה איז קיינמאָל ניט אין שטוב איינע אַליין. עס קומען צו איר „געסט", אָבער קיינער זעט זיי ניט אַריינקומען אָדער אַוועקגיין. בלויז זי אַליין נעמט זיי אויף, די „געסט". זי פאַרעט זיך אַרום „זיי" און רעדט צו „זיי" בסוד סודות.

און טאָמער גלויבט ניט איינער פון אירע „געסט" וואָס זי פאַרטרויט אַן שטילערהייט, צעשרייט זי זיך און זי הויבט אָן, אַן אויפגערעגטע, אַרויסטרייבן זיי פון הויז. נאָכדעם פאַרמאַכט זי זיך אין איר צימער און ברעכט אויס אין אַ ביטער געוויין.

אָבער דאָס געדויערט ניט לאַנג. זי קומט באַלד צוריק אַרויס פון איר אָפּגעזונדערטקייט, מיד און אויסגעמאַטערט, ווי זי וואָלט אויפגעהערט אָטעמען. נאָר מיטאַמאָל צעשרייט זי זיך ווידער, וואָס מען האָט זיך אַוועקגעשטעלט אונטער אירע פענצטער! וואָס ווילן „זיי" פון איר? וואָרום שושקען „זיי" זיך דאָרטן?... אַדרבא, זאָלן „זיי" אַריינקומען, זיך אויסטענהן מיט איר!

זי טוט זיך אַ לאָז צו דער טיר, עפנט אויף אַ קליין שפּעלטעלע, און מיט איר מינדסטן פינגער לאַדט זי „זיי" אַריין צו זיך.

און אַז קיינער קומט ניט אַריין, פאַרקלאַפּט זי די טיר, און טוט זיך אַ יאָג צוריק צו זיך אין צימער, וואו זי פאַלט אַוועק אויפן בעט, און צעוויינט זיך אויף אַ יאָמערלעכן קול. אויפן גלעזערנעם שענקל שטייט דער קיילעכדיקער וועקזייגער און ציילט — טיק־טאַק, טיק־טאַק, טיק־טאַק.

לאה האָט זיך שוין באַרואיקט. זי איז אַרונטער פון בעט, זיך געשטעלט אַנטקעגן שפּיגל; אַרויסגענומען פון אַ שופלאדל אַ דין נאָז־טיכעלע און דערמיט אָפּגעווישט די פייכטקייט אַרום אירע סענטיטיווע בלאַסע ליפּן. איר אויסגעבליכט קליינעם פּנים, און שמייכלט צו דער יעניקער, וועלכע קוקט אויף איר מיט אַ באַדויערנדיק בליק. זי קערט אָפּ מיט פאַרדראָס אירע אויגן פונם שפּיגל און הייבט אָן פאַרקעמען אירע צעפּאַטלטע בלאָנדע האָר.

(2)

זיצט אַ שווייגנדיקער, אַן אומעטיקער, איר מאַן, מנשה, אין דעם גרויסן פאָדער־צימער, און טשאַטעוועט נאָך אירע באַוועגונגען. פון צייט צו צייט שטעלט

ער זיך אויף, גרייט עפּעס צו זאָגן איר, נאָר זי טוט אַ שטעל־אָן אויף אים אירע בלויע אומעטיקע אויגן; זי לייגט אַוועק איר ווייז־פינגער אויף אירע בלאַסע ליפּן: אַ צייכן אַז ער זאָל איצטער ניט ריידן צו איר — ווייל „עמיצער“ רעדט צו איר אַצינד.

שוין אַ פּאָר טעג פאַרגאַנגען אַז מנשה האָט די שטוב ניט פאַרלאָזט. ער טאָר זי אַליין ניט איבערלאָזן. ער מוז אַכטונג געבן אויף איר, ווייל ער ווייסט וואָס זי קען אָפּטאָן. זי באַשטייט אָבער אַז ער זאָל זי איצט לאָזן אַליין, ווייל זי „דאַרף זיך דורכרעדן מיט עמיצן דורכן טעלעפאָן, און ער טאָר זיך נישט איינהערן צום שמועס.“ מנשה רירט זיך אָבער ניט פון זיין אָרט. ער ווייסט שוין, אַז דאָס וויל זי איצט רעדן צו די „דייטשן“, זי וויל וואָרענען זיי זאָלן זיך ניט דערוועגן קומען אַהער!... מנשהן באַהערשט אַ שרעק. אַ קאַלטער שוויס שפּראָצט אויס אויף זיין הויכן שטערן. אירע רייד מיט די „דייטשן“ דערמאָנען אים ווי אַזוי זי איז צו איר איצטיקן שטאַנד געקומען. לאה בעט זיך ביי אים ער זאָל זי לאָזן אַליין; אַז זי האָט קיין מורא ניט פאַר „זיי“. נאָר אַזוי ווי ער פאָלגט איר ניט, וואַקסט זי פּלוצים אויס לעבן אים, אַ דערצאָרנטע, אַ צערייצטע, און טוט אויף אים אַ האַסטיקן שפּיי. און מיט זיגערישן געלעכטער רוקט זי זיך אָפּ פון אים הינטערווילעכץ, אין דער ריכטונג פון איר צימער. זי שטעלט זיך דאָרט אַוועק פאַרן שפּיגל און נעמט פאַרפלעכטן אירע האָר.

אינדרויסן פאַלט צו די נאַכט. די גאַס רוט, ס'איז שטיל, קיין אויטאָמאָבילן פאָרן ניט פאַרביי אַצינד. אין די שכנישע שטיבער ברענען געהיימע ליכטער און דער הימל איז לויטער אויסגעשטערנט.

(3)

לאה זיצט אין קליינעם וויגשטול. פאַרוויגט זיך ריטמדיק מיט פאַרמאַכטע אויגן און וואַנדערט אַוועק אין אירע ווייטע אומהיימלעכע וועלטן...

אַנטקעגן איר זיצט מנשה. ער איז אויכעט פאַרטיפט אין אומעטיקע רעיונות. לאהס שטילשווייגן איז אים שטאַרק אויפפאַלנדיק. ס'איז אַן אָנזאָג, אַז זי גרייט זיך אָפּצוטאָן איינע פון אירע שפּיצלעך. זי עפנט אויף אירע אויגן, קוקט זיך אַרום, ברעכט אויס אין אַ שפּיציק געלעכטערל; נעמט אַריינטריטלען אין קיך, וואו זי צעעפנט ביידע וואַסער־קראַנען, און ס'גייט אויף אין שטוב אַ גערויש ווי פון אַ וואַסער־פאַל.

מנשה לויפט צו איר אַריין און נעמט מיט גרויס צערטלעכקייט אַוועק אירע הענט פון די וואַסער־קראַנען, נאָר לאה לאַכט אים אין פּנים אַריין מיט אַ פרייד־דיקן געלעכטער. מנשה בעט זיך ביי איר: „לאה, לאה, טו דאָס ניט. די שכנה איבער דער וואַנט וועט באַלד אַריינלויפן באַקלאָגן זיך. קום מיט מיר, קום, איך וועל דיר העלפן אַוועקלייגן זיך אין בעט.“ לאה גיט אים איצט נאָך ווי אַ שלאָף קינד. זי לייגט זיך אַוועק אויפן בעט, מאַכט צו די אויגן און משנה זעצט זיך אויף אַ שטול לעבן איר און וואַרט ביז זי וועט איינשלאָפן.

אַ מידער שלאָף פאַרוויגט זי. איר ברוסט הייבט זיך אויף און אָפּ. מנשה קוקט אויף איר אויסגעבלייכטן פּנים. דער פּנים אירער האָט נאָך ניט פאַרלאָרן איר אַמאָליקע שיינקייט. די דינע פּעלבעלעך אַרום אירע בלייכע ליפּן, ציטערן. די אָדערן אויף איר האַלדז קלאַפּן מיט האַסטיקע קלעפּ. פון איר שווערן שלאָף

הייבט זיך אויף איר רעכטע האַנט, לאָזט זיך רואיק אַראָפּ אויף איר דינעם קער־פּער, דרייט זיך אַמאָל רעכטס, אַמאָל לינקס.

מיטאַמאָל כאַפּט זי זיך אויף. אירע אויגן צעעפענט ברייט שרעקעדיק. זי צעשרייט זיך אויפן קול: — „גיכער, גיכער... לאָמיר אַנטלויפן! די דייטשן קומען, די דייטשן קומען ! ! ״ . . .

ווידער איז אין שטוב שטיל געוואָרן. מנשה האָט זיך לייכט אָוועקגעזעצט לעבן לאהן. געצערטלט איר בלאַסן פּנים, ביז זי איז ווידער איינגעשלאָפן אַ שווערן שלאָף.

(4)

מנשה האָט זיך צוריקגעצויגן אין גרויסן צימער אַריין. ער איז מיד און אויסגעשעפּט. ער עפנט דאָס פענצטער און אָטעמט טיף אַריין די ביינאַכטיקע שאַרפע לופט. די שטילקייט באַרואיקט זיינע צעשרויפטע נערוון. אַ קיל ווינטעלע פּאַכעט ווי מיט פליגל אויף זיין מידן פּנים. זיינע ניט אויסגעשלאָפענע אויגן פאַרקוקן זיך צום אויסגעשטערנטן הימל. אין זיינע געדאַנקען פאַרטראָגט ער זיך אין וואַלד פון זכרונות, און דאָרטן גייט ער ווידער אויף די באַקאַנטע סטעזשקעס, אויף וועלכע ער איז מיט לאהן אַמאָל געגאַנגען. ווי גוט עס איז דעמאָלט געווען צו שפּינען חלומות פאַר די מאָרגנדיקע טעג. נאָר אוי, ווי פאַלש זייער רעכענונג אזוי געווען. ער האָט זי ניט געטאָרט איבערלאָזן מיט די קינדער און אַליין אַוועק־פאָרן קיין אַמעריקע.

אָט די געדאַנקען מאַטערן אים אויס, און אַ שאַרפער ווייטיק נאָגט זיין האַרץ. אַ פאַרשפּעטיקטער אויטאָמאָביל יאָגט זיך פאַרביי און צעשטערט די שטילקייט פון דער נאַכט. נאָר די שטערן שימערן אויף ווי גלי־פייערלעך. אַן עלנטער הונט בלאָנדזשעט פאַרביי, זוכט אַ מקום־מנוחה. פון זיין האַרץ רייסט זיך אַרויס אַ שווערער זיפץ. ער שפּאַרט אָן אויף זיינע ביידע האַנט־פלאַכן זיין מידן קאָפּ און ער פילט אויף די שטערן־שלייפן קלאַפּן די אָדערן ווי קליינינקע העמערלעך. עס באַפאַלט אים אַ מידקייט אין די פיס. ער וויל זיך צולייגן, נאָר לאהס שוואַכער קול וועקט אים פלוצים אויף פון זיינע געדאַנקען און ער נעמט זיך יאָגן צו איר אין צימער אַריין.

לאה ליגט אויפן בעט מיט ביידע הענט פאַרלייגט אַרום האַלדז, און אירע בלויע אויגן גלאַנצן ווי שפּיגעלעך. זי דער ציילט אים אויפסניי די מעשה אַז „עמיצער״ איז דאָ געווען ביי איר, זי אויפגעוועקט פון שלאָף, זי געוואָרנט, אַז מ'וועט זי דערהרגענען, ווי מ'האָט אירע צוויי קינדער דערהרגעט... פאַרוואָס איז זיי געקומען צו הרגענען?! מאַכן פון זיי אַש! פאַרוואָס?...

מנשה בעט זיך ביי איר: — לאה, די קינדער לעבן. איך וועל זיי מאָרגן ברענגען צו דיר... באַרואיק זיך. זיי שטיל, וועק ניט אויף די שכנים. ער בייגט זיך אָן נעענטער צו איר און קושט אירע ווייענדיקע אויגן, דעם קאַלטן שטערן, ביז לאה צעשפּרייט אירע הענט, פאַרוואָרפט זיי אַרום זיין האַלדז, און זי מורמלט שטילערהייט: ער זאָל זי ניט לאָזן איינע אַליין, זי האָט מורא! זי נעמט אַוועק אירע פיבערדיקע הענט פון זיין האַלדז און באַהאַלט איר פּנים אין קישן און העשעט אויס אַ פאַרשטיקטן יאָמערלעכן געוויין.

ווען דער בייער טאָג האָט דורכן פענצטער אַריינגעקוקט, איז לאה שוין געזעסן אויפן בעט אַ וואַכע. זי האָט געשפּירט אַז זי איז איצט איינע אַליין. זי

האָט זיך אַראָפּגעשלייכט פון בעט, אָנגעטאָן אויף אירע פּיס די ווייכע שטעקשיך, דאָס געבלימלטע מאָרגן־קליד, און איז אַריין אין פאָדערשטן צימער, וואו זי האָט זיך אַ שווייגנדיקע אַוועקגעזעצט אין איר וויגשטול. אירע אויגן האָבן געקוקט דורכן פענצטער אַרויס, וואו זי האָט דערזען מנשהן שטיין אַ פאַרזאָרגטן.

מנשה איז איצט צוריקגעקומען פון זיין שכן דעם דאָקטאָר, מיט וועמען ער איז זיך געגאַנגען האַלטן אַן עצה. דעם דאָקטארס עצה האָט שווער געמאַכט מנשהס האַרץ. שטייט ער איצט אינדרויסן ווי אַן אָבל וואָס קערט זיך אום צוריק פון אַ לוויה. אים איז שווער אַריינצוגיין אין שטוב, שטייט ער און הערט זיך צו צו זיינע געדאַנקען, צו דעם שטרייט וואָס קומט פאָר אין אים: זאָל ער טאָן ווי דער דאָקטאָר הייסט? צי זאָל ער אויספאָלגן זיין האַרץ און וואַרטן? אפשר וועט דער נס פאַרט געשען און ער וועט קאָנען אַכטונג געבן אויף איר אין דער היים.

ער גייט אַריין אין שטוב מיט שטילע טריט און בלייבט שטיין ביי דער אָפענער טיר פון דעם צימער, וואו לאה זיצט און וויגט זיך אַ שטומע אין וויג־שטול. דורכן אָפענעם פענצטער בלאָזט אַריין אַ ווינטל און ווייסע פאַרהענגלעך פלאַטערן לייכט. אין מנשהס האַרץ הייטערט אויף אַ געפיל פון האָפן: אפשר... און אַ וואַרעמע טרער פאַלט פון זיין אויג אַראָפּ.

לאה זעט אים ניט מיט אירע אויגן, זי פילט אָבער אַז ער שטייט דאָ נאָענט ביי דער טיר און קוקט אויף איר. „קום אַהער נעענטער", האָט לאה אַרויסגעזאָגט שטילערהייט, און מנשה האָט געגענט צו איר, אַראָפּגעלאָזט זיך לעבן אירע פיס און אַוועקגעלייגט זיין קאָפּ אויף אירע אָפענע הענט. מיט איר רעכטער האַנט נעמט זי גלעטן זיין שוואַרצן קאָפּ האָר און שטילערהייט נעמט זי ווידער זיך באַקלאָגן: „זעסטו דען ניט אַז זיי קומען אַהער יעדן טאָג?... שיק איך דען נאָך זיי? די דייטשן לאָזן מיך ניט לעבן. יעדן טאָג קומט אַנאַנדערער... וואָס ווילן זיי פון מיר?"...

מנשה האָט ביי אירע פיס אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

(5)

לאה איז שוין זייט צוויי מעת־לעת ניטאָ מער ביי זיך אין שטוב, און מנשה קאָן זיך קיין רואיק אָרט ניט געפינען. נאָר עס שטייט אים פאַר די אויגן לאהס געשטאַלט, ווי זי האָט אויסגעזען ווען איר דאָקטאָר האָט זי אַרויסגעפירט פון הויז. זי האָט גאָרניט געזאָגט. זי האָט זיך ניט געוועהרט. זי איז שטילערהייט אַרויס־געגאַנגען און האָט בלויז איין בליק געטאָן אויף אים — און דער קוק האָט זיין האַרץ ווי אָפּגעשטעלט. ער פרעגט שוין דעם טויזנטסטן מאָל ביי זיך:

— וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? קען איך זיך אַנטקעגנשטעלן דער מאָדער־נער מעדיצין?... מנשה איז אויפגעשטאַנען מיט אַ שווערן קאָפּווייטיק פון ניט שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט. די פרימאָרגן־זון האָט ערשט אין זיין פענצטער אַריינ־געקוקט, ווען ער האָט זיך שוין גענומען גרייטן פאָרן באַזוך צו לאהן. היינט איז אין שפּיטאָל דער „וויזיטינג־טאָג". און ער איילט זיך ניט צו פאַרשפּעטיקן אויף אַ מינוט די באַשטימטע צייט.

נאָך האַלבן טאָג איז ער דאָרטן שוין געווען. דער „באָס" האָט אים צוגעפירט נאָענט צום שפּיטאָל, און ווען מנשה האָט זיך אַרומגעקוקט האָט ער אויפגעציטערט פון דעם וואָס ער האָט דערזען: איז דאָס אַ שפּיטאָל פאַר קראַנקע מענטשן, צי

אַ תפיסה פאַר פאַרברעכער? מנשה איז אַריין אין „אַפּיס“ מיט אַ שלעכטן געמיט און פון דאָרט איז ער אַרויס מיט אַ „קוויטל“ אין דער האַנט און זיך אַוועקגעלאָזט אָפּזוכן די געבײַדע וואו עס געפינט זיך זיין לאהלע.

ער האָט אַ צי געטאָן אַ גלעקל און אַ טיר האָט זיך געעפנט. ער איז אַריין אין אַ טונקעלן זאַל (לאָבי) וואו ער האָט דאָרט דערזען זיצנדיק אין וויגשטולן פרויען. זייערע קעפּ (אַלטע און יונגע) פאַרזונקען אין מחשבות, און אַ שטילקייט ווי אין אַ מתים־שטיבל האָט געפלאַטערט אַרום זיי.

(6)

אַ נידריקע פרוי אין ווייסן, מיט אַ טשיפּיקל אויפן קאָפּ, האָט אים גענומען פירן צו לאהלען... ער גייט אונטער איר, דורך אַ שמאָלן קאָרידאָר מיט צוגע־מאַכטע טירן, אין וועלכע עס זיינען אויסגעשניטן קיילעכדיקע פענצטער־לעכלעך, גרויס געגוג אַרויסצוקוקן מיט איין אויג. און פון דורך די לעכער טראָגן זיך אַלערליי משונהדיקע קולות פון רחמים, געוויין און געבעט, וואָס צערייסן זיין האַרץ אויף שטיקער.

מנשה פילט ווי זיינע פיס ברעכן זיך גייענדיק. ער פאַרלירט די כוחות, נאָר די פרוי אין ווייסן גייט פאָראויס אָן אַן אָפּשטעל, ביז ענדלעך לאָזט זי אים אַריינגיין אין אַ גרויסן צימער, וואו די פענצטער זיינען באַוואָרנט מיט געפלאָכ־טענע דראָטן און אויף ביידע זייטן רייען בעטלעך ליגן פאַר׳מרה־שחורה׳טע לעבעדיקע באַשעפענישן, פאַרטראָגענע אין משונהדיקע ווייטע וועלטן, און אייבע פון זיי איז זיין לאהלע.

מנשה פילט ווי אַ געשריי צו טאָן: „לאה“! נאָר דאָס וואָרט פאַרהאַלט זיך ביי אים אין קעל. ער בלייבט שטיין לעבן איר בעט, קוקט אויף איר, נאָר זי קערט אָפּ אירע אויגן גלייך ווי זי קען אים ניט. זי וואַרפט אָפּ זיין האַנט מיט וועלכער ער באַרירט אירע האָר פון קאָפּ. ביז ענדלעך ברעכט זי אויס אין אַ יאָמערלעכן געוויין.

מנשה זעצט זיך אַוועק אויף אַ ברעג פון בעט, און מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ שלינגט ער די טרערן וואָס נעמען רינען פון זיינע אויגן אין מויל אַריין. ער לייגט ווידער אַרויף זיין האַנט אויף איר אַקסל, ווישט אָפּ מיט זיין האַנט דעם קאַלטן שוויס פון איר שטערן. מנשה העלפט איר זיך אויפזעצן. לאה קערט אויס איר בלאָס פנים צו אים. ער פאַרקנעפּלט דאָס צעכראַסטעטע העמד אויף איר לייב. זי בעט אים ער זאָל איר ברענגען אַביסל וואַסער אין אַ גלאָז, פון וואַנען זי טוט אַ פאָר שלוקן, און ווענדט זיך צו אים מיט די דאָזיקע רייד:

„ביסט שוין דאָ דאָ פון לאַנג?... די דייטשן האָבן דיך אויכעט געשלאָגן?... און וואָס האָבן זיי געטאָן מיט מיינע קינדער?“...

מנשה לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און שווייגט. ער פאַרקוקט זיך אויף איר בלאָסן פנים. זיינע אויגן פאַלגן נאָך די אומרואיקייט פון אירע אויגן. די בלויע אָדערן אויף איר האַלדז קלאַפּן ווי דער טיק־טאַק פון אַ זייגער.

לאה לייגט אַוועק איר בלאַסע האַנט אויף זיינער, שפּאַרט אָן אויף זיין אַקסל איר מידן קאָפּ, און אירע נערוועזע ליפּן שעפּטשען:

„לאָז מיך ניט איבער דאָ איינע אַליין. איך האָב מורא צו זיין דאָ אַליין. די דייטשן וועלן קומען!“...

גאָלדע שלאָסבערג־דראָזד

# נאַטע קאַזלאָווסקי דער קינסטלער

ריידנדיק מיטן קינסטלער נאַטע קאַזלאָווסקי, האָט ער אין אונדזער אינטערעסאַנטן געשפּרעך וועגן יידישע טיפּן אין דער מאַלעריי, מיר געזאָגט, אַז עס איז אַ גרויסער שאָד וואָס אַ גרויסע צאָל פון די יידישע קינסטלער אין זייער מאָלן, שאַפן דעם איינדרוק פון צעמאָלטע און צעדרייטע טיפּן יידן.

ס'איז אַ שרעק צו קוקן אויף אַזעלכע יידן, און מען גייט אַוועק מיט אַ זייער שווער געמיט.


נאַטע קאַזלאָווסקי

מיר ווילן זען בילדער פון יידישן רעאַלן לעבן, וואָס זאָל טראָגן כאַראַקטער, שטאָלץ און חשיבות. שעפערישע קינסטלער האָבן תמיד זיך אָפּגעגעבן מיט די וויכטיקסטע און פונדאַמענטאַלסטע אַספּעקטן פון לעבן אַרום זיי, און נאָר די קונסט לעבט און בליט פאַר דורות.

קוקנדיק אויף קאַזלאָווסקיס בילדער האָט מיר געגעבן דעם איינדרוק אַז זיינע יידישע טיפּן, וועלכע ער האָט מיט אַזויפיל טיפקייט, ליבע און פאַרשטענדיקונג געמאָלן, וועט, מיר דוכט, בלייבן פאַר דורות צו באַנעמען.

נאַטע קאַזלאָווסקי האָט מיט אַ שטאַרקן רעאַליזם געמאָלן דעם געטאָ קעמפער; דער קינסטלער רופט עס: „דער גאולה אדם", וועלכער גייט מיט אַן אַנטשלאָסענעם בליק אין זיינע אויגן, געפירט פון האַס און נקמה; אין אַן אַלטן, לאַנגן, צעריסענעם מאַנטל, די פּאָלעס צעפלויגן, די שטיוול צעפליקטע, מיט אַ וואָלפיש־ווילדן בליק, וואָס קוקט אַרויס פון די ווייסלעך פון זיינע אויגן, און האַלט אין זיינע ביינערדיקע הענט די ביקס. ער מאַכט דעם איינדרוק ווי אָט־אָט גייט ער דורכברעכן די געטאָ־וואַנט און וועט פאַרניכטן די פאַרניכטער...

די „ברענענדיקע ביכער" וואָס דער קינסטלער האָט געמאָלן, בין איך זיכער, איז געשאַפן מיט אַ ציטער אין זיין האַרצן (ס'איז דאָך אוממעגלעך צו זיין פּאַסיוו) און טראָץ דעם וואָס מען זעט די גרויסע פלאַמען פון די ברענענדיקע ביכער אויפן בילד, האָסטו דעם געפיל, ווי עס זאָגט: „מיר ברענען און ברענען, און ווערן ניט פאַרברענט." מיר'ן אויפלעבן ווידער און בויען אונדזער קולטור ווייטער!

„דער זיידע מיטן אייניקל", אין אַ שטאַרקער שניי־זאַווערוכע, לויפט מיט מורא אויף זיין פּנים, ווי געלאָפן פון אַ סכנה. דער זיידע האַלט דעם אייניקל צוגעדריקט צו זיך, און עס שאַפט זיך דעם איינדרוק ווי דער זיידע וואָלט אים געטראָגן אויף זיינע פליגלען...

זיין „דער מאָנומענט" איז געמאָלן ווי אין בלוט און פייער. די סקעלעטן־

קעפּ הויבן זיך באַרגיק אַרויף, אַרויף, איין סקעלעט איבערן צווייטן, ביז עס גרייכט ממש דעם הימל. און דו קלערסט: אפשר וועט גאָט צו זיי זאָגן — „איר וועט לעבן ווידער!"

קאַזלאָווסקי האָט אַ גרויסע צאָל חורבן־בילדער. די בילדער וועלן אין גיכן הענגען אין דעם געטאָ־מוזיי, וואָס געפינט זיך אין קיבוץ „לוחמי הגיטאות אין ישראל, און טויזנטער יידן וועלן זיי קענען זען און זיך וואונדערן: האָט דאָס טאַקע צו אונדז געשען?...

איך וועל פּרובירן איבערגעבן, לויט מיין מעגלעכקייט, פון דעם קינסטלערס מאָלערייען, פון אונדזער רעליגיעזן לעבן.

נאָטע קאַזלאָווסקי מאָלט ווי קינדער גייען פון חדר, מיט לאַמטערנעס אין זייערע הענטלעך, מלאכים באַגלייטן זיי; פון זייערע קינדערישע אויגן מערקט זיך שרעק . . .

„דאָס יידישע שטעטל ביי תשליך": די שטיבלעך אויפן בערגל, צוגעטוליעט איינע צו די אַנדערע. איר פילט ממש די סוף־זומערדיקע לופט, די גראָז און פלאַנצן. דער רב מיטן ווייסן קיטל און פוטערנעם שטריימל, ראש־השנהדיק, די גאַנצע שטעטלדיקע קהילה אַרום אים; לויטער איז דער הימל, קלאָר איז דער טייך, און בלויז פון ווייטנס ציען זיך גרויע וואָלקנס, ווי אַ דינער אַנזאַג אויף האַרבסט.

קאַזלאָווסקיס „שלח־מנות טרעגער" גיט דעם געפיל ווי ער וואָלט פורימדיק אונטערגעטאַנצט...

„דער קבליסט" — זיצט איבערן קבלה־ספר, קוקט פאַר׳מוח׳ט אין די הימ־לען; זיין פּנים בלאַס; אַ לויטערע איידלקייט שטראַלט אַרויס פון אים און אַ גאָלדן ליכט שיינט אויף אים.

„שטייט אויף צו סליחות!" — גייט אַ ייד מיטן סוקוואַטן שטעקן אין זיינע דאַרע הענט. מען זעט ווי דער שלאָף קוקט נאָך אַראָפּ פון זיין פּנים. ער קלאַפּט אָן די לאָדנס: „שטייט אויף צו סליחות"!...

קאַזלאָווסקי האָט אויך געמאָלן נאָך אַ היבשע צאָל רעליגיעזע בילדער. אוודאי איז ניט מעגלעך אין קורצן צו פאַרצייכענען די גרויסע צאָל בילדער זיינע.

דער מאָלער קאַזלאָווסקי מאָלט מיט פאַרשידענע צוגאַנגען. אַפּנים לויט ווי זיין טעמע פאָדערט.

קאַזלאָווסקי האָט געמאָלן אַ בילד „כל־נדרי". איך האָב אים געפרעגט, וואָס האָט אים אימפּאָנירט צו מאָלן דאָס בילד? זיין תשובה איז געווען, אַז אין דער שעה קומען זיך צוזאַמען אַלע יידן, וואו און אין וועלכן לאַנד זיי זאָלן ניט זיין. איך בין געבליבן אַ שטאַרק דערהויבענע פון זיין ענטפער. און אָט די אמתן זיינען אין קאַזלאָווסקי מאָלערייען שטאַרק קאָנטיק.

דאָס בילד „כל־נדרי" איז דעם קינסטלער זייער געלונגען. איך האָב שוין געזען אַ סך בילדער געמאָלן איוף דער טעמע. אָבער מיר דוכט, אַז קיינער האָט ניט געשאַפן אַזאַ ליכט אויפן בילד, אַזוי ווי קאַזלאָווסקי; ווייל, ער האָט געשאַפן אַזאַ וואונדערלעך ליכט וואָס לויכט, אָבער ניט באַלויכטן... קוקנדיק אויפן בילד האָב איך געטראַכט, אַז בלויז דער קינסטלער וואָס האָט אַ הויכע וויזיע קען דאָס דערגרייכן.

זיינע מדבר־בילדער זיינען אָטעם־פאַרכאַפּנדיק. אויף איינעם פון זיינע

לייוונטן האָט ער געמאָלן אַ בילד: „מדבר“. עס טראָגן זיך נידעריקע וואָלקנס אונטערן באַרג; פון אַ זייט אַ הויכער פעלז, וואָס זעט אויס ווי אַ מאָנומענט באַלויכטן מיט גאָלדענע שטראַלן פון אַ זון אונטערגאַנג. אַזאַ ליכט אויפן בילד האָט אין זיך געטלעכעס!... איך האָב געזען דאָס בילד צענדליקע מאָל, און יעדעס מאָל האָט עס געהאַט אויף מיר דעם זעלבן עפעקט.

קאָזלאָווסקי איז אויך אַ גוטער פּאָרטרעטיסט. עס איז פאַר מיר אַ פריידצו דער מאַנען וועגן צוויי פון זיינע פּאָרטרעטן פון גוט־באַקאַנטע מענטשן: איינער איז דער באַקאַנטער עסקן, י. איזגאַר, דער צווייטער איז דער שטענדיק יונגער מעטלין. צוויי מענטשן, וועלכע האָבן גרויסע פאַרדינסטן אין היגן יידישן לעבן. דער קינסטלער האָט אין זיין מאָלן די צוויי בילדער אַרויסגעבראַכט יעדן ניואַנס פון זייער פּערזענלעכקייט.

די ישראלדיקע בילדער וואָס קאָזלאָווסקי האָט געמאָלן (און איך בין זיכער, מיט פריידן אין זיין האַרצן) איז יעדעס בילד האָט אַ פּאַעטישן חן. עס פרייט דאָס האַרץ קוקנדיק אויף די טיפן און לאַנדשאַפטן.

„אורה“, די ישראלדיקע פּאַסטושקע מיט שעפסעלעך אַרומגערינגלט, מיט אַ פייפל אין מויל, די קאָלירן אין הינטערגרונט זיינען אויסטערליש! אָדער, דאָס בילד „אַ תימנער ייד“: ער זיצט מיט אַ טרויעריקן בליק אין זיינע אויגן און זיין געפאַלבטער שטערן דערציילט פון זיין טראַכטן...

אַ בילד „ווען די זון שיינט אויפן כנרת“ מיט אַנקומענדיקע וואָלקנס; דער „מאַרק אין טבריה.“ אויפן מאַרקפּלאַץ זיצן אַראַבער מיט קאַשיקעס און אַן אַלטער אַראַבער רייט אויף אַ קליין אייזעלע.

די בילדער רופן אַרויס שטאַרקע עמאָציעס און סענטימענטן. נאָטע קאָזלאָווסקי האָט געמאָלן די ישראלדיקע לאַנדשאַפטן און אירע טיפּן, אַרויסברענגענדיק דאָס מיסטישע און דאָס דורכזעענדיקע פון דער ישראלדיקער לופט.

קאָזלאָווסקיס מאָלערייען ברענגען אַרויס אַלע אַספּעקטן פון שיינקייט און עס הויכט מיט ליבע צו יעדן בילד וואָס ער האָט געשאַפן.

ס'איז זייער וויכטיק אַז די פונדאַמענטאַלע גייסטיקע ווערטן זאָלן ניט אָפּגעווישט ווערן פון דער צייט, און אָט־די אַלע קונסטן פון יידישן פאָלק זאָל רעקאָרדירט ווערן דורך שרייבן, מאָלן, סקולפּטורן, און מוזיק.

די מאָלערייען זיינע זיינען שטאַרק געמאָלן. איר האָט דאָס געפיל אַז דער קינסטלער אין אים איז שטאַרק אַקטיוו, און אַז ער לעבט עס איבער מיט יעדן בילד וואָס ער מאָלט.

קאָזלאָווסקי האָט לעצטן יאָר געהאַט אַן אויסשטעלונג אין ל. א. יידישן קולטור קלוב. עס זיינען געקומען אַ היבשע צאָל באַזוכער. מ'האָט זיך ניט געקענט אָפּרייסן פון די אַלע צענדליקע בילדער וואָס האָבן זיך געפונען אין זאַל. פון יעדן פּנים האָט אַרויסגעלויכטן באַגייסטערונג, און קוקנדיק אויף די חורבן בילדער, איז ניט ביי איינעם מסתמא געבליבן אַ טרער...

מען קאָן פיל שרייבן וועגן זיינע טיפּן, פייזאַזשן און ארץ ישראל לאַנדשאַפטן, און אויך פון זיין „שטיל־לעבן“. איך בין אָבער ניט קיין קונסט־קריטיקער. איך האָף אַז די לייענער וועלן מיר פאַרגעבן. איך האָב געוואָלט אויסדריקן מיין דאַנק צום קינסטלער, נאָטע קאָזלאָווסקי, וואָס באַטראַכטנדיק זיינע בילדער האָבן זיי מיר פאַרשאַפט אַן אומגעהויערן נחת־רוח.

יצחק ניומאַן

# דער ספר יחזקאל

(אַריינפיר)

אין גאַנץ תורת משה, אויך ביי די ערשטע נביאים וואָס ווערן דערמאָנט אין די ספרים שופטים, מלכים, און שפּעטער ביי די שריפט־נביאים, ביז דעם נביא יחזקאל, ווערט כסדר דערמאָנט די לאַנגע קייט פון זינד און שטראָף, דערנאָך קומט חרטה און תשובה, ביז צום סוף — אויפלעבונג און גאולה. אָבער ניט אַזוי ביי יחזקאל הנביא. ביי אים וועט די גאולה ניט קומען דורך תשובה אַליין, און ניט ווי אַ שכר, אַ באַלוינונג פאַר דעם, וואָס יידן וועלן ווערן גוט און פרום. נאָר דורך דעם חסד, וואָס גאָט אַליין וועט טאָן צו זיין פאָלק, כדי עס זאָל ניט פאַרשוועכט ווערן זיין הייליקער נאָמען צווישן די אומות און זיין אַ חילול השם: „לא למענכם אני עושה זאת בית ישראל, כי אם לשם קדשי" (ניט פאַר אייך טו איך עס, נאָר פאַר מיין הייליקן נאָמען (קאַפּ. כ"ב).

דער ספר יחזקאל ברענגט אַרויס בייע באַגריפן וועגן זינד און שטראָף. ער זאָגט: „דער נפש וואָס האָט געזינדיקט זאָל שטאַרבן" (קאַפּ. י־ח). זיין געדאַנק איז — כל זמן יידן האָבן געוואוינט אויף זייער ערד, איז מעגלעך געווען אַז זיי זאָלן געשטראָפט ווערן פאַר די זינד פון זייערע עלטערן, און אויך, ווייל דער פּרט איז געווען געבונדן צום כלל, צום גורל פון דער גאַנצער מדינה. עס איז „ניטאָ אַ דור וואָס האָט ניט קיין טייל אין דער זינד פון עגל" (איכה רבתי). וועגן שכר ועונש איז געווען פאַרבונדן מיטן נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו; אָבער אַנדערש איז געוואָרן נאָכן חורבן. אין גלות איז דער פּרט אָפּגעשיידט פון כלל, און יחזקאל זאָגט: „אַ זון טראָגט ניט די זינד פון זיין פאָטער, און אַ פאָטער טראָגט ניט די זינד פון זיין זון" (קאַפּ. י־ח). ווייטער זאָגט ער, אין נאָמען פון גאָט: „פאַרוואָר איך לעב, אויב איך וויל דעם טויט פון רשע, איך וויל נאָר ער זאָל תשובה טאָן."

יחזקאל האָט אָנגעוויזן אויף אַ נייעם וועג, צו אַ נייעם יידנטום, אין אַ נייער צייט פון אַ גייסטיקער רעוואָלוציע. זיין קאָנצעפּט איז געווען: דאָס יידנטום זאָל זיך צופּאַסן צום יידן. אויך האָט יחזקאל זיך געבויגן אין זיין שטייפקייט און ביטערקייט קעגן דעם זינדיקן פאָלק. זיין האַרץ איז ווייכער געוואָרן נאָכדעם ווי ער האָט ביי די טייכן פון בבל געזען ווי אַ פאָלק ווייַנט אויף זיין בראָך, און זיינע שטראָף־רייד האָבן זיך געביטן אויף טרייסט־ווערטער פון גאולה און אויפלעבונג . . .

* * *

יחזקאל ווערט אָנגערופן: דער נביא פון גלות. ער איז פאַרטריבן געוואָרן קיין בבל צוזאַמען מיט דעם מלך יהויכין, נאָך פריער איידער דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן. נבוכדנאצר האָט פריער אַוועקגעפירט אין געפאַנגענשאַפט קיין בבל די גאַנצע קיניגלעכע משפחה, די פרינצן, די כהנים (און יחזקאל איז געווען אַ כהן) און די געלערנטע, ווי עס זאָגט זיך (אין קאַפּ. י"ז): „אין די פּני פון לאַנד האָט ער צוגענומען כדי עס זאָל זיין אַ שפּלדיקע מלוכה, ניט צו קענען זיך מער דערהויבן"...

דער ספר יחזקאל באַשטייט פון אַכט און פערציק קאַפּיטלעך און בעמט

אַרום, צווישן האַרבע ווערטער און ביטערע שטראָף־רייד, אויך וויזיעס פון מעשה מרכבה, קבלה, מיסטיק און סימבאָלן משונהדיקע; ווי למשל — אַן אייזער־נע פאַן מיט ערד, אַ געבאַקענעם קוכן אויף קויט און שמוציקייט; אויך דער סימבאָל פון אויפעסן אַ מגילה — אַלעס מיסטישע זאַכן וואָס איז שווער מיטן שכל דאָס צו באַנעמען...

די גמרא (שבת י״ג) דערציילט: די חכמים האָבן געוואָלט אַרויסנעמען דעם ספר יחזקאל פון די הייליקע שריפטן איבער זיינע מיסטעריעזע געדאַנקען וואָס זיינען אַ סתירה צו דער תורה. אַזוי למשל זאָגט יחזקאל: „גאָט האָט געגעבן יידן צו־שווערע געזעצן, וואָס זיינען נישט אויסצוהאַלטן (קאַפּ. כ׳). אָבער איינער פון די חכמים האָט אויף זיך גענומען און אויסגעטייטשט אַלע סתירות און אַזוי אָפּגעראַטעוועט דעם ספר יחזקאל פאַרן תנ״ך.

יחזקאל איז געווען דער איינציקער נביא, וואָס האָט געזען בלויז צרות און קיין איין מינוט פון נחת. ירמיה האָט נאָך געזען די גלאַנץ־עפּאָכע פון יהודה, די לעצטע פאַרגייענדיקע שטראַלן, אין דער צייט פון מלך יאשיהו. ישעיה דער צווייטער האָט געזען די זון־אויפגאַנג פון שיבת ציון. אָבער יחזקאל האָט געלעבט אין אַ פינצטערע נאַכט, מיט אַ ביטערן גלות הינטער זיך און קיין איין ליכט־שטראַל פון רעטונג אין דער נאָענטער צוקונפט. פון דאַנען שטאַמט זיין ביטער האַרץ, זיין שווער געמיט. איר געפינט ניט ביי יחזקאלן קיין ליבשאַפט צום פאָלק ווי ביי הושע, ניט דעם שטורעם־גייסטיקן כוח פון ישעיהו און ניט די טיפע רחמנות פון ירמיהו, וואָס אפילו אין זיינע שטאַרקסטע שטראָף־רייד וויברירט אַרויס אַ פאָדעם פון מיטגעפיל פאַר זיין אומגליקלעך פאָלק. אָבער יחזקאל! וועלכער איז רייך אין פאַנטאַזיע, האָט געפונען אין זיין פענזל בלויז שוואַרצע פאַרבן. ער רופט זיין פאָלק: אַ ביטער פאָלק (קאַפּ. י״א), קינדער פון היישעריקן, האַרט־פנימדיק, שווער־האַרציק (קאַפּ. י״ב); ירושלים, די הייליקע שטאָט, רופט ער: די שטאָט פון בלוט (י״ד). אפילו דער אָפּשטאַם פון זיין פאָלק איז אים אַ שאַנד, אַ שפּאָט: „דיין לאַנד איז פון כנעני, דיין טאַטע — אַן אמורי, דיין מאַמע — אַ חתית (ט״ז). יהודה איז ערגער פון שומרון, נאָך ערגער אפילו פון סדום (י״ז). און עס איז קיין וואונדער ניט וואָס יחזקאל זעט בלויז אומקום און פאַרלענדונג, איין שלעכטס נאָכן צווייטן; די רייכע ווערן פעט פון דער פראַצע פון די אָרעמע; זיי פאַרצוקן ווי הונגעריקע וועלף; זיי פאַרגיסן בלוט, זאַמלען רייכטום; זיי באַ־גזלענען און באַרויבן דעם פרעמדן (קאַפּ. כ״ז).

אָבער יחזקאל האָט אין די עלף יאָר פון זיין גלות, פאַר דעם חורבן בית־המקדש, זיך באַגעגנט מיט די פאַרטריבענע אויך פון מלכות ישראל, די שומרונים, און, ווען ער זעט ווי אויך זיי זיצן ביי די טייכן פון בבל און וויינען פון בענקשאַפט נאָך ציון, טוט זיך ביים נביא דערוועקן דער רחמנות־געפיל, און ער זעט די האָפענונג, אַז אויך זיי, וועמען די בני יהודה האָבן פאַררעכנט פאַר אָפּגעפאַלענע בלעטער, פאַרטרוקנטע ביינער — אַז אויך זיי וועלן זיך אומקערן פון די לענדער, און ארץ ישראל וועט ווערן אויפגעלעבט...

דער נביא זאָגט אין נאָמען פון גאָט: „זע, איך וועל אייך מאַכן פאַר אַ גרויס פאָלק, און איין מלך וועט הערשן איבער אייך אַלעמען; עס וועט זיך פון אייך מער ניט צעטיילן צו צוויי קיניגרייכן. דער איינציקער מלך וועט זיין דוד מיין קנעכט״ קאַפּ. כ״ד) דאָס הייסט, אַ מלך פון דוד׳ס אָפּשטאַם; ישראל וועט זיין ווידער אויפ־

געלעבט; די שארית הפליטה וועט באַנייען דעם גייסט און גלויבן אין איין גאָט; ווארעם, אַז דאָס גאַנצע פאָלק זאָל אונטערגיין, טאָ ווער וועט ווייטער טראָגן דעם גרויסן געדאַנק פון איין גאָט? אפילו מיט אַלע גרויסע זיבד, איז דאָס יידישע פאָלק נאָך אַלץ דאָס איינציקע פאָלק וואָס האָט אויפגעשטעלט גרויסע נביאים, מיט אַ הויכער מאָראַל! ווען אַזאַ פאָלק זאָל חלילה אונטערגיין, וואָס וועלן זאָגן די אומות העולם? בבל בלייבט, און ישראל ווערט פארלענדט — דאָס וועט דאָך זיין אַ חילול השם! און יחזקאל מאָלט אַ בילד, ווי ארץ ישראל וועט צוריק אויפלעבן. ער האָט עס געזען מיט פערציק יאָר איידער כורש דעם מלכ׳ס רוף צו שיבת ציון (קאַפּ. י״א):

אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר,
איך וועל אייך איינזאַמלען פון די אומות,
איך וועל אייך צענויפקלייבן פון די לענדער
וואָס איר זייט צעשפרייט געוואָרן אין זיי,
און איך וועל אייך געבן די ערד פון ישראל.

און יחזקאל זעט די וויזיע פון טאָל פון די טרוקענע ביינער, און ער פרעגט: קאָנען די ביינער נאָך אויפלעבן? זאָגט גאָט: „איך ברענג אַריין אין אייך אַן אָטעם, איך וועל געבן אויף אייך אָדערן, אַרויפציען אויף אייך פלייש מיט הויט און אָטעם פון לעבן, און איר וועט וויסן אַז איך בין גאָט. און די טרוקענע ביינער פון די טויטע האָבן אויפגעלעבט און זיך געשטעלט אויף די פיס, און גאָט זאָגט: „די אַלע ביינער — דאָס זיינען דאָס גאַנצע פאָלק ישראל, וואָס האָט געזאָגט: „מיר זיינען פארלוירן!" איך וועל אייך ברענגען צוריק פון די קברים, און איר וועט וויסן אַז איך גאָט האָב גערעדט און געטאָן...״

* * *

צווישן די פארטריבענע אין בבל איז יחזקאל זעקס יאָר פאַרן חורבן אויפגעטראָטן ווי אַ נביא. ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, איז ער געווען אַ האַרטער, בייזער שטראָפער, אָבער דאָס איז געווען נאָר ביז דעם חורבן; ווי נאָר עס איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן חורבן בית־המקדש, און אַז ירושלים איז געפאַלן, איז יחזקאל געוואָרן אַנאַנדער מענטש — אַנשטאָט שטראָפער איז ער געוואָרן אַ טרייסטער. שטאַרק דערצו האָט גורם געווען דער יאוש פון די פארטריבענע, וואָס האָבן געקלאָגט: „פארטרוקנט זיינען די ביינער אונדזערע, פארלוירן איז אונדזער האָפענונג, פארשניטן זיינען מיר; וועלן מיר אַמאָל נאָך גיין צוריק אַהיים?״

איז יחזקאל געקומען צו זיי מיט זיין וואונדערלעכן חזון, די וויזיע פון דעם טאָל מיט די „עצמות היבשות״. יחזקאל טרייסט זיי, אַז עס שטייט נאָך פאַר זיי אַ ליכטיקע צוקונפט. ניט נאָר פאַר די יידן פון מלכות יהודה פארטריבענע, נאָר אויך די וואָס זיינען פארטריבן געוואָרן מיט איבער הונדערט יאָר צוריק, די פון מלכות ישראל, וועט גאָט ברענגען צוריק קיין ארץ ישראל, און גאָט וועט מאַכן פון אַלע גלות־יידן אַ ניי פאָלק, מיט אַ ניי האַרץ, און אַ נייעם גייסט.

---

**אויפמערקזאַם!** באַנייט אייער אַבאָנימענט אויפן זשורנאַל „חשבון״. וואַרט ניט מ׳זאָל אייך דערמאָנען עטלעכע מאָל. ס׳איז אייער חוב אויפצוהאַלטן אַ שריפט אויף יידיש, וואָס דערשיינט אין דער גרויסער יידישער לאַס אַנגעלעס.

א. באַבימש

# פעדער־שפּריצן

דער אומגליק פון דער וועלט איז, אַז מיר האָבן זיך אויסגעלערנט צו שפּאַלטן דעם אַטאָם, איידער מיר ווייסן ווי צו מאַכן שלום צווישן די פעלקער.

* * *

מען פאַרלירט זייער אַ סך צייט אויף דעם, וואָס מען וויל צופיל געווינען צייט.

* * *

וואָס איז אַ מענטש? — עפּעס האָט ער, וואָס ער וויל נישט; עפּעס וויל ער, וואָס ער האָט נישט.

* * *

בלויז איין ליבע אויף דער וועלט איז אַ שטענדיקע — אייגנליבע.

* * *

מענער זיינען אַזוי איינגעבילדעט, אַז ווען איר לאַכט פון זיי, דאַכט זיך זיי אויס, אַז איר לאַכט פון זייערע וויצן.

* * *

אַ גוט וואָרט איז אָפּטמאָל בעסער ווי אַ מתנה.

* * *

דער באַרימטער מאָלער, ליבערמאַן, איז אַ לאַנגע צייט געווען באַפריינדעט מיט אַנאַנדער מאָלער, לעסטער אורי. דערנאָך האָבן זיי זיך צעקריגט. איינמאָל האָט מען דערציילט ליבערמאַנען, אַז אורי באַרימט זיך, אַז ער האָט געמאָלן אַ טייל פון ליבערמאַנס בילדער.

— אַזוי לאַנג ווי ער זאָגט, אַז ער האָט געמאָלן מ יי נ ע בילדער, אַרט מיר נישט — האָט ליבערמאַן געזאָגט — ווען ער וועט אָבער וואַגן צו זאָגן אַז איך האָב געמאָלן ז יי נ ע בילדער, וועל איך אים באַלד פאַרקלאָגן...

* * *

דעם ערשטן טעות וואָס מענטשן מאַכן אין זייער לעבן, איז ביים אויסקלייבן זייערע עלטערן...

* * *

אַ סך מיידלעך ווייסן גאָרנישט אַז זיי האָבן הערצער, ביז עמיצער צעבערעכט עס זיי.

* * *

קיין מענטש איז נישט אַזוי אָרעם, ווי דער, וואָס האָט נישט מער ווי געלט.

* * *

ווער איז אַ חכם? — דער וואָס לערנט פון אַלע. ווער איז אַן אנגעזעענער מענטש? — דער וואָס טיילט צו כבוד יעדן מענטשן.

* * *

וואָס מען לעבט דורך, דאָס לעבט זיך איין אין זכרון.

* * *

מען קאָן זיין אַן עם־הארץ און דאָך זיין אַן איידעלער מענטש.

* * *

יהושע ריווין

## ש י ע ו ר, ש י ע ו ר...

שיעור, שיעור ניט אראפ פון דרך הישר,
שיעור, שיעור ניט געפאלן צום גרונט;
שיעור, שיעור ניט געהאלזט זיך, האב איך מיט דער טומאה...
מיין לעבן געווארפן צום הונט.

א, גאט, ווי דיין וועג איז תמיד א גערעכטער!
דיין וואונק האט געפירט מיך צו ליכט;
איצט זע איך דעם וואונדער — דעם שפעטער־אנטפלעקטן,
איך האב דיך דערזען אומגעריכט...

## ש ט ע ל ז י ך א פ צ י י ט

שטעל זיך אפ, צייט... שטעל זיך אפ!
לויפסט צו גיך אוועק פון מיר
שטעל זיך אפ, צייט... שטעל זיך אפ!
לאז מיך אויסזינגען מיין לעצטן שיר.

שטעל זיך אפ, צייט... שטעל זיך אפ!
ס'האט מיין ווארט ערשט אויפגעבליצט;
כ'וויל מיין נאמען אויף דיין אפשניט־צייט...
פארבלייבן זאל ער אויסגעקריצט.

---

א ראדיא־אנאנסער איז איינער, וואס רעדט אזוי לאנג, ביז איר קריגט א קאפווייטיק, און דאן הייסט ער אייך קויפן א מיטל קעגן קאפווייטיק.

* * *

דזשיימס דזשאיס, באקאנטער ענגלישער פראזע־מייסטער, איז געווען א קנאפער חסיד פון בערנארד שא. איינמאל האט ער אין א געשפרעך זיך אויסגעדריקט: „וואס טראכט איר וועגן א דראמאטורג, וואס מוז געבן ריזיק־לאנגע הקדמות מיט דערקלערונגען צו זיינע דראמעס?"...

* * *

**ווערט א מיטבויער און אן אבאנענט פון דעם זשורנאל „חשבון"**

יהושה ריווין

## שיעור, שיעור...

שיעור, שיעור ניט אַראָפּ פון דרך הישר,
שיעור, שיעור ניט געפאַלן צום גרונט;
שיעור, שיעור ניט געהאַלזט זיך, האָב איך מיט דער טומאה...
מיין לעבן געוואָרפן צום הונט.

אָ, גאָט, ווי דיין וועג איז תמיד אַ געדעכטער!
דיין וואונק האָט געפירט מיך צו ליכט;
איצט זע איך דעם וואונדער — דעם שפּעטער־אַנטפּלעקטן,
איך האָב דיך דערזען אומגעריכט...

## שטעל זיך אָפּ צייט

שטעל זיך אָפּ, צייט... שטעל זיך אָפּ!
לויפסט צו גיך אוועק פון מיר
שטעל זיך אָפּ, צייט... שטעל זיך אָפּ!
לאָז מיך אויסזינגען מיין לעצטן שיר.

שטעל זיך אָפּ, צייט... שטעל זיך אָפּ!
ס'האָט מיין וואָרט ערשט אויפגעבליצט;
כ'וויל מיין נאָמען אויף דיין אָפּשניט־צייט...
פאַרבלייבן זאָל ער אויסגעקריצט.

---

אַ ראַדיאָ־אַנאָנסער איז איינער, וואָס רעדט אַזוי לאַנג, ביז איר קריגט אַ קאָפּוויייטיק, און דאַן הייסט ער אייך קויפן אַ מיטל קעגן קאָפּוויייטיק.

* * *

דזשיימס דזשאָיס, באַקאַנטער ענגלישער פּראָזע־מייסטער, איז געווען אַ קנאַפּער חסיד פון בערנאַרד שאָ. איינמאָל האָט ער אין אַ געשפּרעך זיך אויסגעדריקט: „וואָס טראַכט איר וועגן אַ דראַמאַטורג, וואָס מוז געבן ריזיק־לאַנגע הקדמות מיט דערקלערונגען צו זיינע דראַמעס?"...

* * *

**ווערט אַ מיטבויער און אַן אַבאָנענט פון דעם זשורנאַל „חשבון"**

חנה בושעל-סאַלאָוו

# ווי לידער

ניטאָ מער מיין חבר געטרייער,
ער האָט בריוו אַ סך געשריבן!
איבער אים איז אַדורך ווי אַ פייער,
בלויז זיין שריפט איז מיר געבליבן!

איז נעם איך די בריוו צו זיך צו,
ווי פריינט, ווי אייגענע, ליבע,
און געפין אין זיי טרייסט און רו,
אין טעג גרויע און טריבע...

ווי לידער, פון הארצן, וואָס קומען.
פון פיינען ניט פאַרהיילטע —
און לידער ווי פרישע בלומען,
פון גורל אויסגעטיילטע...

אַזוי ליב איז מיר יעדער אות,
וואָס מיט זיין האַנט געשריבן —
און פאַרשטיין איז כדאי פאַרוואָס,
אין מיין האַרץ איז ער פאַרבליבן!...

## צווייטער יערלעכער פּרעמיע אויסטייל

אַ פייערלעכער ליטעראַרישער אָוונט לכבוד דעם צווייטן אויסטייל פון ליטע־ראַרישע פּרעמיעס פון יאָר 1961, פון דעם „פרידלאַנד ליט. פאָנד", איז פאָר־געקומען שבת, דעם 20טן יאַנואַר, 1962, אין יידישן קולטור קלוב. אין דעם פּראָגראַם פון אָוונט, אונטערן פאָרזיץ פונעם דיכטער פינטשע בערמאַן, האָבן זיך באַטייליקט: אַברהם זיגלבוים, דער באַגאַבטער קינסטלער, מיט אַ פאָרלייענונג, און האָט פאַרטראָטן דעם עסייאיסט יחיאל האָפער'ן, געווינער פון דער פּרעמיע פאָר זיין עסיי: „דאָס פינטעלע ליד." מלכה טוזמאַן, באַוואוסטע דיכטערין, האָט פאַרטראָטן אליעזר בלומען (ב. אַלקוויט), דעם געווינער פאָר זיין דערציילונג: „אין די הויכע פענצטער". מאַטעס דייטש און יחזקאל בראַנשטיין, פון דער זשורי, האָבן רעפערירט וועגן די פּרעמירטע עסיי און דערציילונג.

דער פאָרזיצער האָט געלייענט באַגריסונגען פון קולטור־קאָנגרעס; פון פע"ן קלוב, ניו־יאָרקער צענטער; פון גלאַנץ ־לעיעלעס; פון דעם שריפטשטעלער ה. לאַנג (צוליב דער קראַנקהייט פון זיין פרוי האָט ער ניט געקענט קומען צום אָוונט). און צום שלוס האָט דער פּרעמיע־געבער אויסגעטיילט די פּרעמיעס פאָר דעם יאָר 1961.

נאָך דער פּראָגראַם, ווי תמיד אין קולטור־קלוב — יום־טובדיקע טישן און כיבוד.

חנה בושעל-סאַלאָוו

# ווי לידער

ניטאָ מער מיין חבר געטרייער,
ער האָט בריוו אַ סך געשריבן!
איבער אים איז אַדורך ווי אַ פייער,
בלויז זיין שריפט איז מיר געבליבן!

איז נעם איך די בריוו צו זיך צו,
ווי פריינט, ווי אייגענע, ליבע,
און געפין אין זיי טרייסט און רו,
אין טעג גרויע און טריבע...

ווי לידער, פון הארצן, וואָס קומען,
פון פיינען ניט פאַרהיילטע—
און לידער ווי פרישע בלומען,
פון גורל אויסגעטיילטע...

אַזוי ליב איז מיר יעדער אות,
וואָס מיט זיין האַנט געשריבן—
און פאַרשטיין איז כדאי פאַרוואָס,
אין מיין הארץ איז ער פאַרבליבן!...

## צוויי טער יערלעכער פרעמיע אויסטייל

אַ פייערלעכער ליטעראַרישער אָוונט לכבוד דעם צווייטן אויסטייל פון ליטעראַרישע פרעמיעס פון יאָר 1961, פון דעם „פרידלאַנד ליט. פאָנד״, איז פאָרגעקומען שבת, דעם 20טן יאַנואַר, 1962, אין יידישן קולטור קלוב. אין דעם פראָגראַם פון אָוונט, אונטערן פאָרזיץ פונעם דיכטער פינטשע בערמאַן, האָבן זיך באַטייליקט: אַברהם זיגלבוים, דער באַגאַבטער קינסטלער, מיט אַ פאָרלייענונג, און האָט פאַרטראָטן דעם עסייאיסט יחיאל האָפער'ן, געווינער פון דער פרעמיע פאַר זיין עסיי: „דאָס פינטעלע ליד.״ מלכה טוזמאַן, באַוואוסטע דיכטערין, האָט פאַרטראָטן אליעזר בלומען (ב. אַלקוויט), דעם געווינער פאַר זיין דערציילונג: „אין די הויכע פענצטער״. מאַטעס דייטש און יחזקאל בראָנשטיין, פון דער זשורי, האָבן רעפערירט וועגן די פרעמירטע עסיי און דערציילונג.

דער פאָרזיצער האָט געלייענט באַגריסונגען פון קולטור-קאָנגרעס; פון פע״ן קלוב, ניו-יאָרקער צענטער; פון גלאַנץ-לעיעלעס; פון דעם שריפטשטעלער ה. לאַנג (צוליב דער קראַנקהייט פון זיין פרוי האָט ער ניט געקענט קומען צום אָוונט). און צום שלוס האָט דער פרעמייע-געבער אויסגעטיילט די פרעמיעס פאַר דעם יאָר 1961.

נאָך דער פראָגראַם, ווי תמיד אין קולטור-קלוב — יום-טובדיקע טישן און כיבוד.

# באַגריסונגען פון די געווינער פון פרידלאַנד ליטעראַטור פרעמיע

חשובער עולם:

איך נעם אָן דעם כבוד מיט טיפן דאַנק און געפיל פאַר דער דערהויבנקייט פון דעם מאָמענט. איך דאַנק די קאָלעגן פון דער זשורי, דעם ליטעראַטור קריטיקער יחזקאל בראַנשטיין, דעם פּאָעט מאַטעס דייטש, דעם פּובליציסט און ווי איך קען אים, דעם מענטש פון פרייען געדאַנק ה. לאַנג, און אחרון אחרון — דעם דערציילער און רעדאַקטאָר פון „חשבון" י. פרידלאַנד, פון דעם י. פרידלאַנד ליטעראַטור פאָנד.

איך נעם אָן מיט פאַרגעניגן די פּריווילעגיע אייך צו באַגריסן, אייך אַלעמען און יעדן באַזונדער, אין דער פייערלעכקייט פון דעם צוזאַמענקום, פאַר אייער מי און זאָרגעוודיקייט, פאַר אייער עוסקן זיך אין דער גרויסער גייסטיקער עסקנות, וואָס האָט אין אייער צייט געגעבן אייער לאָס אַנדזשעלעס איר אַנזען אויף דער וועלט־מאַפּע פון דער יידישער ליטעראַטור און אונדזערע יידישע קולטור־נויטן.

איך באַגריס אייך פון ניו־יאָרק, וואו איך האָב אַנומלט געהערט ווי אַן אַלטער יידישער שרייבער האָט דערציילט, אין אַ מסיבה פון קאָלעגן, אַז ער איז נאָך געווען אַ יינגל ס'ערשטע מאָל ווען ער האָט געהערט, אַז יידיש גייט אונטער. אַ יינגל, שוין געפאָרן איבער ימען, געאַרבעט אין אַ שאָפּ, אָבער אַ יינגל — און ער האָט „זיך שוין געדרוקט", זיין ערשט ליד האָט נאַר־וואָס דערזען די ליכטיקע שיין, איז ער געקומען מיט דעם וואונדער, זיין פייגעלע, ס'ערשטע שוועלבעלע אין דער בוזעם־קעשענע צום קאַפּע נייבאָרהוד אויף איסט בראָדוויי, לעבן דער סואַרד פּאַרק ביבליאָטעק.

אין דרויסן, זאָגט ער, איז עס געווען: איך האָב אַ טאַפּ געטאָן מיין ברעקעלע לעבן אין מיין בוזעם־קעשענע און גשטאַנען, ביט זיכער: אַריינגיין אָדער ניט? און דאָ האָב איך עס געהערט — יידיש גייט אונטערגיין. נישט דירעקט געהערט — איך האָב געהערט ווי עמעץ האָט געזאָגט, וואָס ראַבאַי האָט געענטפערט, ווען מ'האָט אים געזאָגט וואָס מ'זאָגט, אַז אַזוי און אַזוי, יידיש גייט אַ גאַנג. איך האָב אים שוין געהאַט געזען, דעם אַמעריקאַנישסטן יידישן פּראָזע־שרייבער פון יענער לעגענדאַרישער צייט. ער איז געווען אַ גרויסער פשטן, אָבער אַ קנאַפּער דברן, אַ מענטש פון נידעריקן וואוקס, אַ געבויגענע פּלייצע, דער קאָפּ אַביסל אָן אַ זייט, האָר שוואַרץ ווי וואַקס, אַ קנאָכיק פּנים און גערייכערט אַ ליולקע, אַ קליין פּייקעלע.

געהערט, יידיש גייט אונטערגיין, האָט ראַבאַי אויפגעהויבן ס'קנאָכיקע פּנים, אַרויסגענומען דאָס פּייקעלע פון מויל, אַ קליינעם שוויג געטאָן און געזאָגט:

אַזוי? מממ, נו, איידער ס'גייט אונטערגיין, לאָמיר שאַפן אַ גרויסע יידישע ליטעראַטור, ס'זאָל כאָטש זיין וואָס ס'אָל אונטערגיין.

מיט די ווערטער, ווי איך האָב זיי געהערט, געשלונגען, איינגעאָטעמט מיט דעם פאַרנאַכט אַרום מיר, איז פאַר מיר אויסגעוואַקסן אַ העראָאיזם, וואָס איך האָב קיינמאָל פריער נישט געהערט, נישט געחלומט, אין ערגעץ נישט געלייענט — אַ יידישער העראָאיזם אין געוואַלדיקן פאַרנעם מיט אַ דראָענדיקן אונטערגיי פון אַלדאָס־אַלץ.

דאָס קאַפּע איז געווען — רויך און רייד, אָבער אין דעם רויך האָט אויף מיר

אַ הויך געטאָן מיט דער לופט, וואָס אין איר איז געווען דאָס וואָרט, די שעפערישע טאַט, דער מענטש, דער מענטש. ס'איז נישט געווען עפּעס אַ קאַפּע, דאָ זענען געווען די עלטערע יידישע שריפטשטעלער, די יונגע, די ערשט אויפגעקומענע אינזיכיסטן, איין ריכטונג קעגן דער אַנדערער, אָבער אין איינעם די העלדן פון אַ נייער מיטאָלאָגיע — די יידישע ליטעראַטור! און אירע פּאָעטן, דערציילערס, עסייאיסטן, דראַמאַטורגן — יעדער מיט אַ „תמות נפשי עם פלשתים", ווי אַ שם המפורש אונטער דער צונג.

נו, דאָ זענען מיר, דאָ איז אונדזער גרויסע יידישע ליטעראַטור, איינע פון די אָריגינעלסטע וואָס די וועלט פאַרמאָגט. און „מיר גייען נאָך אַלץ אונטער." דאָס איז אַפּנים דער סוד פון אונדזער קיום — דאָס האָט ער מסתמא געמיינט דער נביא מיט די צוויי אייביקע ווערטער: ב ד מ י ך ח י י — אין דיין אונטערגיין וועסטו לעבן.

דאָס וואונדער, זאָג איך, איז, וואָס די גרעסטע וועלטלעכע שאַפונג אונדזערע פון דער אַלט-נייער צייט, די יידישער ליטעראַטור, שטייט אונטער דעם חותם און לעבט מיט דער הייליקער עקשנות, באַגלייך מיט דעם פרומען ייד וואָס לעבט אין דער וועלט פון זיין אמונה. מיר האָבן נישט קיין פאַרשפּרייט-אַפּאַראַט, כמעט נישט קיין פאַרלאַג-וועזן. ס'איז ביטער, ביטער ווי גאַל, אָבער מ'שרייבט, מ'שרייבט, און אויך מיר, יאָ אויך מיר האָבן אונדזערע למ"ד-ו"ו צדיקים, צווישן זיי זיינען די וואָס זייערע מעשים טובים דערמעגלעכן דאָס דערשיינען פון אַמאָל דעמס און אַמאָל יענעמס אַ בוך.

זייט מיר אַלע געגריסט און געגרויסט — אייער,

אליעזר בלום, המכונה ב. אלקוויט

---

באַגריסונג צום פרידלאַנד ליטעראַטור-פאָנד, לאָס אַנגעלעס

תל-אביב, יאַנ. 8, 1962

ליבער פריינט פרידלאַנד, חשובע קאָלעגן, געערטע פאַרזאַמלטע:

ס'איז אַ פריידע פאַר אַ מחבר, ווען זיין שרייבן ווערט געלייענט, בפרט נאָך היינטיקע צייטן. על אחת כמה וכמה איז עס אַ פריידע פאַר אים און אַ כבוד, ווען זיין שרייבן ווערט באַלוינט.

דאַנק איך דעריבער האַרציק די חברים פון דער זשורי פאַרן צוטיילן מיר די פרידלאַנד-פּרעמיע פאַר מיין עסיי „דאָס פּינטעלע ייד", וועגן אונדזער אייגנאַרטיקן און איינציקאַרטיקן פּאָעט, איציק מאַנגער.

אַ גאַר האַרציקן דאַנק קומט דעם פריינט י. פרידלאַנד, דעם פונדאַטאָר פון דער פּרעמיע. ס'איז שיין וואָס איר באַגלייט דאָס דערטיילן די פּרעמיעס מיט אַ פייערונג, מיט אַ שמחה. שוין שמחה אַליין איז אַן עניך, און אַ ליטעראַרישע שמחה — איז עס אַוודאי און אַוודאי.

אין אונדזער חומרישער, מאַטעריאַליסטישער, צי אוטיליטאַרער וועלט, ווען כמעט אַלץ ווערט געמאָסטן מיט דעם: „וואָס וועל איך האָבן דערפון", איז דער שרייבער, בעיקר דער יידישער, דער איינציקער, וואָס טוט זיין אַרבעט לשמה, ניט פאַר זיך, נאָר פאַרן שרייבן גופא.

דעריבער דאַרף דער יידישער שרייבער עידוד, סטימול, געהויבנקייט. און וואָס קאָן שוין זיין געהויבענער פאַר אים, ווי אַ פייערונג לכבוד דעם אויסצייכענען און באַשענקען זיינס אַ שאַפונג ?

כ׳וואָלט דאָס אַלץ—און נאָך אַ סך—געוואָלט אייך, חשובע קאָלעגן און ליבע פאַרזאַמלטע, זאָגן פה אל פה, פנים אל פנים. אָבער אַזוי ווי דאָס איז אוממעגלעך, בעט איך אייך: נעמט צו מיינע געשריבענע ווערטער, ווי איר וואָלט זיי איצט גע־הערט פון מיר אַליין. דאָס זענען ווערטער וואָס גייען אַרויס פון מיין האַרץ, און דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב.

מיט דער בעסטער פריינדשאַפט,

**יחיאל האָפער**

## אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס
(פאַראייניקט מיט ציק״א)

25 איסט 78טע גאַס
ניו־יאָרק 21, נ. י.

דעם 8טן יאַנואַר, 1962

י. פרידלאַנד ליטעראַטור־פאָנד
לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

חשובער פריינד פרידלאַנד און מיטגלידער פון דער זשורי:
ה. לאַנג, י. בראָנשטיין און מאַטעס דייטש!

עס איז פאַר אונדז געווען אַ פרייד צו הערן, אַז אייער ליטעראַטור־פאָנד פונקציאָנירט און אַז צום ביימ יאָר האָט איר ווידער אויסגעטיילט ליטעראַרישע פרעמיעס. עס איז גוט, וואָס לאָס אַנגעלעס ווערט אַ ליטעראַרישער צענטער. עס איז אַ גרויסע דערמוטיקונג ווען אַ יידישער שרייבער באַקומט אַנערקענונג מצד זיינע קאָלעגן און פריינד. ווער קענען נאָך זיין שטרענגערע שופטים, ווי שרייבער איינע לגבי די אַנדערע.

סיי אליעזר בלום (ב. אַלקוויט), סיי יחיאל האָפער פון מדינת ישראל, זיינען פאַרדינסטפולע שריפטשטעלער. זיי קענען בשום אופן ניט פאַררעכנט ווערן ווי סקאַרבאָווע שרייבער. יעדער איינער פון זיי האָט אויף זיין אייגענעם אופן עקס־פערימענטירט און געוואָגט. זיי זיינען פולשטענדיק ראוי צו קריגן די אויס־צייכענונג פון דעם פרידלאַנד פאָנד, וועלכער האָט באַוויזן, אַז ער שטעלט זייער הויכע סטאַנדאַרטן לגבי פרעמירטע ווערק.

אונדזער באַגריסונג צו די פרעמירטע שריפטשטעלער, אונדזערע האַרציק־טע ברכות, אַז זיי זאָל באַשערט זיין לאַנגע יאָרן פון שעפערישער ליטעראַרישער טעטיקייט. אונדזער אַנערקענונג צו די מיטגלידער פון דער זשורי און קאָלעגע י. פרידלאַנד, וועלכער האָט דעם פאָנד עטאַבלירט.

מיט פריינדשאַפט — אייער,

**ח. בעז**, עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר

**ווערט אַ מיטגליד אין יידישן קולטור־קלוב**—די קולטור היים פון יידיש־יידישן סעקטאָר אין לאָס אַנגעלעס. — 4213 מאָנראָו גאַס, לאָס אַנגעלעס.

דעריבער דאַרף דער יידישער שרייבער עידוד, סטימול, געהויבנקייט. און וואָס קאָן שוין זיין געהויבענער פאַר אים, ווי אַ פייערונג לכבוד דעם אויסצייכענען און באַשענקען זיינס אַ שאַפונג ?

כ'וואָלט דאָס אַלץ — און נאָך אַ סך — געוואָלט איך, חשובע קאָלעגן און ליבע פאַרזאַמלטע, זאָגן פה אל פה, פנים אל פנים. אָבער אַזוי ווי דאָס איז אוממעגלעך, בעט איך אייך: נעמט צו מיינע געשריבענע ווערטער, ווי איר וואָלט זיי איצט געהערט פון מיר אַליין. דאָס זענען ווערטער וואָס גייען אַרויס פון מיין האַרץ, און דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב.

מיט דער בעסטער פריינדשאַפט,

**יחיאל האָפער**

## אַלוועלטלעכער יידישער קולטור-קאָנגרעס

(פאַראייניקט מיט ציק"א)

25 איסט 78טע גאַס — ניו־יאָרק 21, נ. י.

י. פרידלאַנד ליטעראַטור־פאָנד — דעם 8טן יאַנואַר, 1962

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

חשובער פריינד פרידלאַנד און מיטגלידער פון דער זשורי:

ה. לאַנג, י. בראָנשטיין און מאַטעס דייטש !

עס איז פאַר אונדז געווען אַ פרייד צו הערן, אַז אייער ליטעראַטור־פאָנד פונקציאָנירט און אַז צום ניייעם יאָר האָט איר ווידער אויסגעטיילט ליטעראַרישע פרעמיעס. עס איז גוט, וואָס לאָס אַנגעלעס ווערט אַ ליטעראַרישער צענטער. עס איז אַ גרויסע דערמוטיקונג ווען אַ יידישער שרייבער באַקומט אַנערקענונג מצד זיינע קאָלעגן און פריינד. ווער קענען נאָך זיין שטרענגערע שופטים, ווי שרייבער איינע לגבי די אַנדערע.

סיי אליעזר בלום (ב. אַלקוויט), סיי יחיאל האָפער פון מדינת ישראל, זיינען פאַרדינסטפולע שריפטשטעלער. זיי קענען בשום אופן ניט פאַררעכנט ווערן ווי סקאַרבאָווע שרייבער. יעדער איינער פון זיי האָט אויף זיין אייגענעם אופן עקספערימענטירט און געוואָגט. זיי זיינען פולשטענדיק ראוי צו קריגן די אויסצייכענונג פון דעם פרידלאַנד פאָנד, וועלכער האָט באַוויזן, אַז ער שטעלט זייער הויכע סטאַנדאַרטן לגבי פרעמירטע ווערק.

אונדזער באַגריסונג צו די פרעמירטע שריפטשטעלער, אונדזערע האַרציקטע ברכות, אַז זיי זאָל באַשערט זיין לאַנגע יאָרן פון שעפערישער ליטעראַרישער טעטיקייט. אונדזער אַנערקענונג צו די מיטגלידער פון דער זשורי און קאָלעגע י. פרידלאַנד, וועלכער האָט דעם פאָנד עטאַבלירט.

מיט פריינדשאַפט — אייער,

**ח. בעז**, עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר

---

**ווערט אַ מיטגליד אין יידישן קולטור-קלוב** — די קולטור היים פון יידישיידישן סעקטאָר אין לאָס אַנגעלעס. — 4213 מאָנראָו גאַס, לאָס אַנגעלעס.

# יידישער פ.ע.נ. קלוב
(וועלט־צענטער אין ניו־יאָרק)

צו די קאָלעגן: יאַנואַר 17, 1962
יחזקאל בראָנשטיין, י. פרידלאַנד, מאַטעס דייטש:

נעמט צו מיין האַרציקסטע ברכות און באַגריסונגען צו דער געלעגנהייט פון אויסטיילן די זייער חשובֿע פּרעמיעס אין נאָמען פון י. פרידלאַנד.

אין נאָמען פון דעם נאַציאָנאַלן פּע״ן צענטער און אין מיין אייגענעם נאָמען — אַלדאָס גוטס פאַר יידיש, פאַר דער יידישער שפּראַך און פאַר דער יידישער קולטור!

**א. גלאַנץ-לעיעלעס, פּרעזידענט**

---

## דריי ספרים: תהלים, משלי און איוב, אין יידיש, פון דר. א. אייסען

די דריי ספרים וועלן בקרוב דערשיינען. דר. אייסען איז באַקאַנט מיט זיינע איבערזעצונגען פון די קלאַסישע און אַמעריקאַנער דיכטער, ווי אויך מיט זיינע איבערזעצונגען פון תנ״ך, און איצט וועלן בעזרת השם דערשיינען אין בוך־פאָרם די דריי ספרים: תהלים, משלי און איוב. די נייעסטע איבערזעצונגען פון דר. א. אייסען זיינען געשאַפן אין אַ מעלאָדישן און פאָלקסטימלעכן לשון, קלאָר און פאַרשטענדלעך.

---

## אַ נייַ ווערק פון נ. שמן

עס איז נאָר וואָס אַריין אין דרוק אַ ווערק פונם באַקאַנטן שריפטשטעלער נ. שמן, א״נ: „די באַציאונגען צו אַרבעט און אַרבעטער". וועט אַנטהאַלטן אַרום 600 זייטן.

---

## דער י. ל. פּרץ פאַרלאַג אין תל-אביב האָט לעצטנס געפייערט אויף

אַ גאָר גרויסאַרטיקן אופן דאָס דערשיינען פון זיין הונדערטסטן בוך — דאָס איז אַ זאַמלונג פון איציק מאַנגערס לידער און עסייען אין יידיש און העברעאיש. די העברעאישע איבערזעצונג האָט געמאַכט דער באַוואוסטער העברעאישער שריפטשטעלער שמשון מעלצער.

ווי זרובבל, גאַסט פון ישראל, גיט איבער, האָט אַן עולם פון איבער 600 געפייערט דעם ליטעראַטור יום־טוב פונעם פּרץ פאַרלאַג צום דערשיינען פון דעם 100־סטן בוך.

לכבוד דער פייערונג האָט דער היגער קאָמיטעט פון פאַרלאַג, צוזאַמען מיט דעם ל. א. יידישן קולטור קלוב, איינגעאָרדנט אַ ליטעראַטור־אָונט אויף שבת דעם 31טן מערץ, אין וועלכן ס׳האָבן זיך באַטייליקט: שמואל סיגאַל, דירעקטאָר פון די אַרב. רינג שולן; אברהם זיגלבוים, קינסטלער פון יידישן וואָרט, און י. פרידלאַנד, פאָרזיצער פון דער פייערונג.

## ליטעראַרישע נאָטיצן

### א. אַלמי אַ בן שבעים

אין דער „פ.אַ.ש." פון 15טן פעברואַר ה"י, האָבן די שריפטשטעלערס: ש. ל. שניידערמאַן, ד"ר חיים שאַשקעס און וולאַדימיר גראָסמאַן, געבראַכט גרינד־לעכע אָפּשאַצונגען פון אַלמיס שעפערישע לעבן לכבוד זיין ווערן אַ בן־שבעים. דער „פ.אַ.ש." קומט אַ וואַרעמען יישר־כוח פאַר אָפּגעבן אַ חשובן אָרט דער יובל־פייערונג פון דעם פאַרדינסטפולן דיכטער און עסייאיסט א. אַלמי. צום באַדויערן האָבן מיר ניט געזען, אַז די אַנדערע צייטשריפטן און אויך ניט די טאָג־פרעסע זאָל געווען אפילו דערמאָנען די דאַטע פון דעם חשובן בעל־היובל.

אונדזער יידיש קולטור־לעבן אין די תפוצות און אין ישראל קאָנצענטרירט זיך ס'רוב אַרום די פּאָליטישע ריכטונגען און באַוועגונגען, וואָס באַהערשן די יידישע גאַס. דער רוב שרייבערס, צוליב כמה וכמה טעמים, געהערן צו די כל־ערליי ריכטונגען, ניט דווקא צוליב אידעאָלאָגישע איבערצייגונגען... אַ גליקלע־כער יוצא מן הכלל איז אונדזער חשובער בעל־היובל, א. אַלמי. ער איז פון די געציילטע שרייבער, וואָס האָבן זיך ניט מתייחד געווען מיט קיין ריכטונג אין יידישן לעבן. ער זאָגט צווישן אַנדערן:

1) „כ'בין ניט קיין קרייזל־קלייזל מענטש, וואָס דרייט זיך אין אַ קאַדריל מיט אַ כנופיא קאָנפאָרמיסטן „יאָ־זאָגערס."

2) „כ'האָב זיך קיינמאָל ניט אידענטיפיצירט מיט וועלכן ס'איז פּאַרטיי פּראָגראַם, ווי כ'האָב קיינמאָל ניט אָנגענומען וועלכע ס'איז פילאָזאָפישע שיטה. און דאָס איז מחמת דעם, אַז קיינער ווייסט ניט דעם אמת."

אַלמי איז אַ בעל־מטופל מיט 26 ביכער, כן ירבו! לכבוד אַלמיס ווערן אַ בן־שבעים איז לעצטנס דערשינען אַ אַלמי בוך, אונטער דער רעדאַקציע פון א. זאַק, אין בוענאָס איירעס.

אין נאָמען פון „חשבון" און די מיטאַרבעטער ווינטשן מיר אַלמין נאָך אַ סך, אַ סך שעפערישע יאָרן.

* * *

**ל. פיינבערג** — באַוואוסטער דיכטער און פּובליציסט, איז געוואָרן אַ פינף־און־זעכציקער. פיינבערג איז אַ לאַנג־יאָריקער מיטאַרבעטער פון „טאָג־מ.זש.", איז דער מחבר פון אַ צאָל ווערק: „דער געבענטשטער דור", „דער פאַר־משפטער דור", „אלישע בן אבויה" א. אַ. ער איז געווען דער סעקרעטאַר פון פע"ן קלוב און איז איצט דער סעקרעטאַר פון י. ל. פרץ שרייבער פאַראיין.

פון צייט צו צייט דערשיינען זיינע לידער אויך אין „חשבון".

מיר ווינטשן אים נאָך אַ סך יאָרן פון שעפערישקייט.

* * *

**ב. י. ביאַלאָסטאָצקי** — דער באַוואוסטער פּאָעט, עסייאיסט און שול־טוער, איז געוואָרן אַ בן־שבעים. די אַרבעטער רינג שולן אין ניו־יאָרק האָבן אַנגעאָרדנט אַ פייערונג לכבוד זיין זיבעציג־יאָריקן געבוירנטאָג.

ס'איז אויך דערשינען זיין ניי בוך: „די משלים פון דובנער מגיד."

מיר שיקן אים איבער אונדזערע פלאַמיקע גרוסן און ווינטשן אים אַ סך געזונט און ארוכת ימים.

## יעקב גלאַטשטיין — צו זיינע פינף־און־זעכציק

די יידישע ליטעראַרישע און קולטור־וועלט פייערט איצט דעם 65־סטן געבוירנטאָג פון דעם באַרימטן דיכטער, קריטיקער און עסייאיסט, יעקב גלאַטשטיין. ס׳ווערט אויך געפייערט איצט די דערשיינונג פון זיין ניי־דערשינען ווערק: „די פרייד פון יידיש.״ אַגב איז ווערט צו באַמערקן, אַז „פרייד פון יידיש״ איז פּרעכטיק שיין אַרויסגעגעבן און ס׳איז זיין 16טער בוך, כן ירבו. גלאַטשטיין איז באמת איינער פון די געציילטע אומדערמידלעכע קעמפער פאַר דער חשיבות פון יידיש.

אין מאָנטרעאַל, קאַנעדע, איז לעצטנס אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ קאָנפערענץ פאַר דער חשיבות פון יידיש. גלאַטשטיין איז צו יענער צייט גראַדע געווען אין מאָנטרעאַל. זיין אָנוועזנהייט און וואָרט ביי דער קאָנפערענץ האָט זיכער געגעבן די ביז גאָר וויכטיקע מסיבה אַ סך וואָגיקייט און דערהייבונג.

אַלע זיינע לייענער, פאַרערער, און מיר בתוכם, די שרייבער פון אונדזער שריפט „חשבון״, ווינטשן דעם חשובן דיכטער, יעקב גלאַטשטיין, צו זיינע 65 יאָר, אַ סך געזונטע שעפערישע יאָרן, עד מאה ועשרים.

* * *

## ריידנדיק וועגן ענגליש אויף יידישע פאַרזאַמלונגען

פאַר אַ 1700 קעפּיקן, יידיש־יידישן עולם אין ל. א. האָט משה שרת, ביט לאַנג צוריק דאָ רעפערירט אין ענגליש, וועגן „ציוניזם, ישראל און אַמעריקע.״ דער אָפּרוף (אָפּלאָוז בלע״ז) פון עולם איז געווען זייער אַ שוואַכער.

וויי אַנדערש, ווי פייערלעכער מ׳וואָלט זיין ריידן אויפגענומען,
ווען ער וואָלט צו אונדזערע יידן מיט מאַמע־לשון געקומען...

* * *

## איציק מאַנגער באַערט ביי דער „פּאָעטרי סאָסייעטי אָוו אַמעריקאַ״

איציק מאַנגער איז געווען איינגעלאַדן פון דער „פּאָעטרי סאָסייעטי אָוו אַמעריקאַ״ פאָרצולייענען זיינע יידישע לידער, ביי אַ ספּעציעלן באַנקעט וואָס איז געגעבן געוואָרן לכבוד דעם באַרימטן אַמעריקאַנער דיכטער ראָבערט פראָסט.

דאָס איז אַגב צום ערשטן מאָל, וואָס אַ יידישער דיכטער ווערט איינגעלאַדן פון דער ניט־יידישער „פּאָעטרי סאָסייעטי״ צו לייענען זיינע לידער אויף יידיש. אַז ניט־יידן הייבן אָן צו אָנערקענען אַ יידישן פּאָעט און זיינע שאַפונגען, איז דאָ אַ האָפענונג אויף אַ בעסערער מערכה פון יידיש ביי אונדזער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. כידוע — יידן האָבן ליב נאָכצוטאָן די גוים!... ווי זאָגט דער מאמר: „ווי עס קריסטלט זיך אַזוי יידלט זיך״!

* * *

## ליטעראַרישע מסיבות פון די „חשבוניאַנער״

אין שטוב פון קאָלעגע יחזקאל בראָנשטיין און זיין ליבע פרוי, איז פרייטיק אָוונט, דעם 16טן פעברואַר, פאָרגעקומען אַ צוזאַמענקום פון די באַטייליקטע אין דער שריפט און אַ צאָל פריינט, לכבוד דעם נומער 28 „חשבון״. עס זיינען אויפגעטראָטן: יחזקאל בראָנשטיין, מיט אַ מאמר וועגן די יידישע זשורנאַלן, די פראָווינץ און ניו־יאָרק. דער רעדאַקטאָר האָט גערעדט וועגן דער איינגעוואָרצלטקייט פון אונדזער שריפט ביים פּאַסיפיק און ווערט אויך פאַרשפּרייט אין די תפוצות

און ישראל. „חשבון", האָט ער אָנגעוויזן, האָט גוטע אויסזיכטן אויף אַ דויערנדיקן קיום, אויב די קאָלעגן ביי דער שריפט וועלן, ווי ביז איצט, אָנהאַלטן זייער הילף און קאָאָפּעראַציע. מאַטעס דייטש, וועלכער האָט איבערגענומען די סעקרעטאַר אַרבעט, האָט דערציילט וועגן אַ צאָל וואָרעמע בריוולעך פון אַבאָנענטן, באַגלייט מיט טשעקלעך, וואָס איז זייער דערפרייענד זייער אינטערעס פאַר דער שריפט.

מיט פאַרלייענונגען זיינען אויפגעטראָטן די קאָלעגן: פּינטשע בערמאַן, ז. בונין, לאָטי מלאך, י. פרידלאַנד, משה ווייסמאַן, יצחק ניומאַן, און א. באַביטש.

אויף דער זעלבער ליטעראַרישער מסיבה איז אויך אויסגעראַפלט געוואָרן אַ גרויסער שפּיגל, אַ מתנה פון ז. בונין לטובת דעם „חשבון". די בראָנשטיינס האָבן סערווירט כיבוד און מ'האָט פאַרוויילט אַן אָוונט אין אַ געהויבענער שטימונג.

* * *

## אַ הירשביין־אָדע

דעם 3טן מערץ איז אין יידישן קולטור־קלוב דורכגעפירט געוואָרן אַ פּרץ הירשביין געדענק־אָוונט. איבער 300 יידיש־יידן האָבן מיט אינטערעס מהנה געווען פון דער קינסטלערישער פּראָגראַם. אליהו טענענהאָלץ האָט געעפנט די פּראָגראַם מיט אַ פאַרלייענונג פון אַ קאַפּיטל פון הירשביינ'ס „קינדער־יאָרן"; אַניטאַ פריינדליך האָט געזונגען הירשביינ'ס לידער: „ימען רוישן", „די נאַכט", „אַ מלאך וויינט"; פּיאַנאָ באַגלייטונג — שענאַן געלסין. יעקב קאַטץ, גאַסט פון שיקאַגאָ, האָט רעפערירט וועגן הירשביינ'ס שאַפונגען; חנה פריינדליך און אליהו טענענהאָלץ האָבן דורכגעפירט די סצענע פון דריטן אַקט, הירשביינ'ס „פוסטער קרעטשמע." דער אָוונט איז געפירט געוואָרן אונטערן פאָרזיץ פון י. פרידלאַנד. דער עולם האָט מיט גרויס התלהבות אויפגענומען די באַטייליקער און אויספירער פון דעם גאָר־פיינעם ליטעראַריש־דראַמאַטיש־קינסטלערישן אָוונט.

## חבל על דאבדין ולא משתכחין

**מ. פּערלמוטער** (מאַטווי) ע"ה — איז נפטר געוואָרן סוף חודש יאַנואַר, ה"י. פּערלמוטער איז געווען אַן אייגנאַרטיקער און רעליגיעז פילנדער דיכטער. ער איז דער מחבר פון איין בוך דיכטונג: „לידער פון גלויבן". ער איז אָבער שרייבעריש געווען אַקטיוו פאַר אַ סך יאָרן. אין „פ.אָ.ש." האָט ער דעביוטירט מיט לידער, קריטישע עסייען און אַ גרויסע צאָל איבערזעצונגען פון רוסיש און דייטש. חוץ זיין מיטאַרבעטערשאַפט אין „פ.אָ.ש." האָט ער געדרוקט זאַכן אין „פאָרווערטס", „צוקונפט" און די הומאָריסטישע בלעטער, ווי „דער יידישער גזלן", דער „גרויסער קונדס"; געווען אויך אַ נאָענטער מיטאַרבעטער אין „חשבון" מיט קריטישע רעצענזיעס איבער ביכער און אויך מיט לידער.

**יעקב סטאַדאָלסקי** ע"ה — באַקאַנטער דיכטער, איז אין דער זעלביקער סוף וואָך פון יאַנואַר נפטר געוואָרן. לעצטנס האָט ער אָנגעהויבן נאָכאַמאָל אַרויסגעבן זיין פון פריער אָפּגעשטעלטן ליט. זשורנאַל „אונדזער האָריזאָנט". צום באַדויערן איז עס געווען זיין לעצטע אויסגאַבע. ביידע דיכטער, סיי פּערל־מוטער און סיי סטאַדאָלסקי, האָבן זיך ווייניק געדרוקט און ווייט געווען פון פונעם ליטעראַרישן „קאָך־קעסל" אין ניו־יאָרק. כבוד זייער הייליקן אָנדענק.

# לוסי לאַנג ע״ה

בשייכות מיט דעם טויט פון לוסי לאַנג ע״ה, האָבן מיר דערהאַלטן פון דעם חשובן שריפטשטעלער, ה. לאַנג, דעם פאָלגנדיקן בריוו, וואָס האָט אַ באַזונדערן קולטור־היסטאָרישן און יידיש־ליטעראַרישן ווערט. (רעד.)

זייער חשובער קאָלעגע און פריינט, י. פרידלאַנד:

ס׳איז מיר איבריק צו זאָגן וואָס עס באַטייט פאַר מיר איינער הספּד־בריוו וועגן לוסין מיט טרייסט־שורות צו מיר אינעם נאָמען פון די מיטגלידער פון יידישן קולטור קלוב און פון די שרייבער אין די זאַמל־ביכער „חשבון״.

אייער בריוו האָט אָנגעשלאָגן מיין טרערן־פולער הארץ. איך דאַנק.

דערלויבט מיר איך אָנצעווייזן, אַז אין די לעצטע עטלעכע יאָר האָט מיר געשיינט ווי אַ ליבע מערקווירדיקייט אין לוסיס באַציאונגען צו אייער יידישער קולטור־אַרבעט דורכן קלוב.

זי, וועלכע האָט אינעם לויף פון איר לעבן געהאַט צו טאָן מיט די פּאַרנעמסטע און פרייהייטלעכסטע אַמעריקאַניש־סאָציאַלע באַוועגונגען און אינסטיטוציעס פאַר אַלגעמיינער קולטור און פּאָליטיש־קולטורעלע פּראָיעקטן פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער באַוועגונג, האָט זינט אונדזער באַזעצן זיך אין לאָס אַנגעלעס גענומען ווענדן איר אינטימען אינטערעס בעיקר אין די ליטעראַרישע שבת־צו־נאַכטן ביים יידישע קולטור קלוב.

ליבער פרידלאַנד: פאַראַן אַרום דעם טויט אויך אומהיימלעכע שפּאַנונג און אינטערעס פון אַזעלכע פאַלן:

העכער אַ יאָר צוריק האָבן מיר באַקומען אַ בריוול פונעם שריפטשטעלער, אַפּטאָן סינקלער, אַז ער שיקט אונדז אַ בוך פון זיין פרוי, דאָס בוך „דהי סאָודערן בעל״, וואָס דערויף איז אויפגעשריבן זיין פרויס ווידמונג צו לוסין. די סינקלערס און לוסי זיינען געווען פריינט זינט זייערע ערשטע יאָרן אין קאַליפאָרניע, העכער פופציק יאָר צוריק. דאָס פאַרשפּראָכענע בוך איז ניט געקומען און מיר האָבן פון סינקלערן מער ניט געהערט. ניט האָבנדיק געוואוסט פון לוסיס טויט, האָט ער פּלוצלינג זיך געכאַפּט, אַז ער האָט דאָס פאַרשפּראָכענע בוך פון זיין פאַרשטאָרבענער פרוי ניט אַרויסגעשיקט צו לוסין, האָט עס אים געמאַטערט... דאָס בוך איז אָנגעקומען אין דעם טאָג פון לוסיס שטאַרבן...

דאָס אייגענע איז מיט אַ ליד פון אונדזער דיכטער מלך ראַוויטש: דאָס ליד „אַ רעוואָלוציאָנער דאַוונט״, האָב איך געלייענט פאַר לוסין אין שפּיטאָל אַ טאָג פאַר איר פּטירה; איך האָב געהאַט מיט זיך ראַוויטשעס בוך לידער צום לייענען אין די שאָטנס פון שפּיטאָל־צימער. דער נאָמען מלך ראַוויטש איז אַזוי געוואָרן אינטים צווישן איר און מיר. אויף מאָרגן האָט לוסי זיך געזעגנט מיט דער וועלט. אין אַ פּאָר טעג שפּעטער האָב איך באַקומען אַ הספּד־בריוו פון ראַוויטשן... לחלוטין ניט ווייסנדיק, אַז זיין נאָמען האָט אַרומגעשוועבט אינעם שפּיטאָל־צימער אין לוסיס לעצטע שעה׳ן...

נאָך אַ צופאַל:

דער אַמעריקאַניש־פּאַסיפישער דיכטער, דזשעק לאָנדאָן, לוסי׳ס אַן אינטימער פריינט העכער פופציק יאָר, וועלכער פלעגט איר צושיקן קאָפּיעס פון

זיינע פּאַמען אידער זיי זיינען געדרוקט געוואָרן, און זי האָט פון אים ניט געהערט די לעצטע דריי יאָר, האָט זיך פּלוצלינג אָפּגערופן און איר געבראַכט זיינע לעצטע פּאָעמען וועגן אַ נייער ירושלים דורך דער אויפקום פון מדינת ישראל. ער, ניט קיין ייד — אָבער איז מיט די פּאָעמען אָנגעלאָפן צום שפּיטאָל ווען זי האָט שוין קוים געקענטריידן צו אים אַ וואָרט, און ער אַליין איז שוין אויך האַלב פּאַראַליזירט, און איך בין געווען דער מתורגמן צווישן זייביידן...

און... אַ מערקווירדיקער צופאַל פון יידישן המשך: — גאַמפּערס אייניקלעך.

זיי האָבן צוגעשיקט צו לוסין איבערלעבענישן פון זייער גרויסן עלטער־זיידע, איבערצוגעבן עס צו אַ יידישן אַרכיוו — זיי אַליין זיינען שוין דערווייטערט פון יידישקייט, אָבער זיי רעספּעקטירן דאָס פאָלק און די קולטור פון זייער עלטער־זיידן — און געקומען איז עס צו לוסין אַ צוויי טעג פאַר איר טויט, און זיי האָבן נאָכדעם באַלד צוגעשיקט רירנדיקע הספד־בריוו מיט טרייסט־בריוו צו מיר.

הפּנים, אַז אונדזער נאָוועליסט באַשעוויס איז גערעכט אין זיין פּאַרטאַן זיך כסדר אין נשמות, וואָס פליען אַרום אין די ספערן, באַגעגענען איינע די אַנדערע און פליען אָפּ ווייטער, און ביים סוף פון די סופן ווערן זיי פּאָרט פּאַר'חברט...

ליבער פרידלאַנד, ווידער און ווידער אַ דאַנק פאַר אייערע חברישע טרייסט.

אייער, ה. לאַנג

# אבא קליגער ז״ל

(צו זיין ערשטן יאָרצייט)

אבא קליגער איז געווען כמעט אַ שטענדיקער באַטייליקער אין אונדזער שריפט. די אַלע וואָס האָבן אים נאָענט געקענט האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ הייליקן, אַ נישט־דאָאיקן; די וועלט פון טומל און געמאַרק איז אים פרעמד געווען.

זיינע שאַפונגען־לידער און עסייען האָבן געאָטעמט מיט מיסטיציזם און רמזים פון אַנאַנדער וועלט. דאָס ווערק: „דאָס געטלעכע ליד באהאגאוואד־גיטא" — איבערגעדיכטעט פון אבא קליגער, דעשינען אין ניו־יאָרק, 1955 — איז אַן עפּאָס פון די הינדו רעליגיעז־ליטעראַרישע שאַפונגען אויפן יסוד פון מיסטיציזם, אין וועלכן דער נפטר איז תמיד געווען פאַרטיפט און פאַרוועבט.

אבא קליגער איז געווען איינציק־אַרטיק; אַ טיף־גלויביקער אין דער יצירה פון דעם בעסערן מענטשן און זיין הייליקע שליחות אין דעם וועלטאַל, האָט אים די וועלט ניט באַפרידיקט. ער רופט:

אין דער נאַכט פון מיין אָפּשווים און טרויער
פיר מיך צום טויער פון לאַנד ניט געאַנטן
און זאָל מיך באַשירעמען דיין גנעדיקע האַנט
איבערן וועג פון מיין גורל אומבאַקאַנטן.

אבא קליגערס בזירדיק לעבן איז געווען באַגלייט פון נויט, דחקות און אומרו.

(זע יחזקאל בראַנשטיינס עסיי וועגן אבא קליגער ע״ה אין דעם נומער. — רעד.)

כבוד זיין הייליקן אָנדענק.

## אַריינגעקומענע ביכער און זשורנאַלן אין רעדאַקציע

### א. אַלמי'ס בוך

לכבוד אַלמי'ס ווערן אַ בן שבעים איז דערשינען אַ אַלמי־בוך, צענויפגע־שטעלט פון אַ קאָלעגיע אונטער דער רעדאַקציע פון אַבּרהם זאַק. מיט אַ ביבליאָגראַפיע צוזאַמענגעשטעלט פון יעפים ישורין. אַרויסגעגעבן דורכ'ן צענטראַל פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע — בוענאָס איירעס, 1962. דאָס בוך האָט אָפּשאַצונגען וועגן אַלמיס אלזייטיקן שאַפן, פון 24 שרייבער, דיכטער און עסייאיסטן.

* * *

### ש. בליאַכער: „21 און איינער"

21 עסייען, 51 בילדער, וועגן די אומגעבראַכטע יידישע אַרטיסטן אין ערשטן יאָר פון דער נאַצי הערשאַפט אין ווילנע. אַרויסגעגעבן פון ווילנער פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1962—112 ז"ז.

* * *

### ירחמיאל בריקס: „דער קייסער אין דער געטאָ"

דערציילונגען פון געטאָ חורבן, מיט ביאָגראַפישע נאָטיצן פון ירחמיאל בוך קאָמיטעט און מיט אַן הקדמה פון ב. י. ביאַלאָסטאָצקי. דערשינען אין 1961, ניו־יאָרק, 248 ז"ז.

* * *

### אברהם גאָלאָמב: „אונדזער גאַנג צווישן פעלקער"

(עסייען). דאָס בוך האָט 26 קאַפּיט־לעך אָנגעלאָדן מיט אָפּהאַנדלונגען וועגן אונדזער אַנדערשקייט; פון תלמוד־דיש שטעטלשער קולטור; אונדזערע יום־טובים; יידישקייט און יידישע רעליגיע; יחידישע און ציבורדיקע יידישקייט, א.אַ. דאָס בוך איז אַרויס־געגעבן פון אַ גרופּע פריינט אין בוע־נאָס איירעס, האָט 347 ז"ז.

* * *

### פון זעלבן מחבר: „ספר טוביה"

(שלום עליכם'ס טוביה). אַרויסגע־געגעבן פון אברהם און גיטל קרעמער־מאַן, אין מעקסיקאָ, בראַשירט 62 ז"ז

* * *

### בעריש וויינשטיין: „אַפּקלייב"

יערלעכע אַנטאָלאָגיע פון לידער אין פאַרשיידענע צייטשריפטן במשך דעם פאַרגאַנגענעם יאָר 1961. דאָס אַכטע העפט יאַנואַר 1962. הויפּט־פאַרקויף ציק"א ביכער פאַרלאַג.

* * *

### ע. פערשלייסער ע"ה: געקליבענע 18 דערציילונגען

מיט דער באַמיאונג פון פרוי בעסי פערשלייסער און אַ צאָל פריינט און קאָלעגן, דורך דעם דיכטער מ. ביי־גרעשל, איז דאָס בוך צוגעגרייט גע־וואָרן צום דרוק און אַרויסגעגעבן פונם י. ל. פרץ פאַרלאַג, ישראל, 1962—240 זייטן.

* * *

### זשורנאַלן און צייטשריפטן

„קינדער צייטונג", „זיין", „אונדזער דור" (נ.י.), „אויפן שוועל", „אילוסט. בלעטער", „דער שפיגל", „שריפטן", „אַרגענטינער ביימעלעך", „דווקא", „די שטימע", „דער וועג", „פאָראויס", (מעקסיקע); „אונדזער וועג" (שיקאַגע) „היימיש", „פּראָבלעמען", „ידע עם" במה לפולקלור יהודי, „בליצן" (תל־אביב, ישראל).

## „אין טעג פון גערענגל"

אַ ניי בוך נאָוועלן און דערציילונגען פון י. פרידלאַנד איז שוין אַריין אין דרוק. ס'איז דאָס פערטע בוך פונעם מחבר. דאָס בוך וועט האָבן צוויי אָפּטיי־לונגען און וועט אנטהאַלטן אַרום 250 זייטן, פיין געבונדן. ווערט אַרויסגעגעבן, ווי תמיד, פון דעם י. פרידלאַנד בוך־קאָמיטעט אין לאָס אַנגעלעס. פאַר מער פּרטים אַנצופרעגן אין רעדאַקציע פון „חשבון".

# איר ווערט דאָ געפינען אייער נאָמען

## אונדזער האַרציקן דאַנק צו די פאָלגנדיקע פריינט, קאָלעגן, נייע און באַנייטע אַבאָנענטן פאַר דעם „חשבון":

חבר ווײַנראַט, קאַרסאָן, יצחק ניומאַן, „חברותא" (דורך אייזען), פּ. בערמאַן, יהואָש לייען-קרייז, י. קאַפּלאַן (נ.י.), משה גלאַזער, א. נאַוויק (שיקאַגע), א. רעמבאַ, יעקב איבעל (רעדוואוד סיטי), א. ווײַזלמאַן (סאַנטאַ מאָניקאַ), דוד גאָלד-מאַן, מאיר קעסטעל, מ. בערלינגער, ש. ליינער, ישראל פריינד, פּנחס ראַפּאָפּאָרט, לינאַ לאַגין, לואיס שטיינבערג, שייע שאַכאַטאָוו, אל. גאָטליב, „בענ'ס קלאָדינג", הערי לאַנג, א. גאָלדפאַרב, מ. ווינאָגראַד (מילוואָקי), א. ג. מאַזור, י. גאַרפינקל (שיקאַגע), יחזקאל בראָנשטייק, י. וויינשטיין (שיקאַגע), דניאל האַרבון, ד"ר אייסען (נ.י.), י. טייטלבוים, פּינטשע בערמאַן, י. פרידלאַנד, מאָטעס דייטש, שלמה צוקערמאַן, משה מאַנדלבוים, א. פּינסקי, מ. פישמאַן (פילאַ.), ה. רויזענבלאַט לייען קרייז, י. גרינשפּאַן, יוסף פּאַניטש (פּאַלם ספרינגס), סטען בונין, ס. אַדערבערג, מאַקס קאַנטער, מאיר און גאָלדע דראָזד, ס. בערגער, יוסף מען (שיקאַגע), סעם נעסקין (קליוולאַנד), י. ריווין (קליוולאַנד), ל. לאַסאָווין (מיאַמי), שרה האַמער דזשאַקלין (נ.י.), בען און בערטאַ קאַמסקי, ה. שטערנפעלד, ראָוז געסין.

* * *

מיר דאַנקען האַרציק אונדזערע ליבע, טייערע לייענער, וועלכע האָבן אַזוי וואַרעם געענטפערט אויף דער בקשה פון אונדזער סעקרעטאַר, קאָלעגע מאָטעס דייטש, און באַנייט זייער אַבאָנימענט אויף דעם „חשבון".

מיר'ן זייער אַפּשאַצן, אַז די וועלכע האָבן נאָך ניט אַריינגעשיקט זייער אָפּצאָל, וועלן נאָכטאָן דעם שיינעם ביישפּיל. (רעד.)

---

## יהואָש לייען קרייז

מיר באַגריסן דעם „חשבון" צו זיין 29סטן נומער.
מיר ווינטשן אים נאָך אַ סך יאָרן מיט שעפערישן אינהאַלט.

**חיה ניומאַן**, סעקרעטאַר
**קלאַראַ סילבער**, קאַסירערין

---

## פרץ הירשביין צווייג יידיש נאַצ. אַרבעטער פאַרבאַנד

באַגריסט דעם „חשבון" צו דער דערשיינונג פון דעם 29טן נומער.
זייט ממשיך דאָס יידישע געדרוקטע וואָרט. תחזקנה ידיכם!

**מאָריס דייטש**, פּרעזיצער
**יצחק ניומאַן**, סעקרעטאַר

---

## ה. רויזענבלאַט לייען קרייז

מיר באַגריסן האַרציק דעם „חשבון" צו זיין 29טן נומער, די שרייבער און זיין רעדאַקטאָר. נעמט אָן אונדזער באַשיידענעם ביישטייער.
מיט קולטור גרוס,

**גאָסי סאַרטאַ**, סעקרעטאַר

# אונדזער שלמה צוקערמאַן — אַ פינף און זעכציקער

אונדזער גוטער, ליבער קולטור־עסקן און וואַרעמער ייד, שלמה צוקערמאַן, איז געוואָרן אַ פינף־און־זעכציקער. במשך די פופצן יאָר פון זיין וואוינשאַפט אין ל. א. האָט ער זיך דערוואָרבן אַ פאַרדינטן נאָמען אין אונדזער היגער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט: פאַר זיינע מעשים טובים צו יחידים און די ברייטע שטיצע צו אונדזערע יידיש־נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס אין מדינת ישראל, זיין איבער־געגעבנקייט צום ל. א. יידישן קולטור קלוב, אַלס וויצע־פּאַרזיצער, און אויך ווי ער און זיין ליבע פרוי צילע, אַלס פאַרוואַלטערס, איז ניט אָפּצושאַצן. אויך זיין וואַרעמע שטיצע צום זשורנאַל „חשבון" און בכלל צום יידישן בוך, ווערט פון די שרייבער און קולטור־טוער זייער הויך אָפּגעשאַצט.

די פאָלגנדיקע פריינד, די מיטאַרבעטער און די רעדאַקציע, דריקן אויס די וואַרעמסטע אַנערקענונג מיט וואונטשן פון כל טוב צו שלמה צוקערמאַן און זיין ליבע פרוי צילע; זיי זאָלן ממשיך זיין די מעשים טובים זייערע פאַר אונדזער יידיש קולטור שעפערישן לעבן, עד מאה ועשרים:

יוסף און גאָסי שפיגלמאַן
יעקב און אידיט ניומאַן
אהרן און גאָסי אייעראַף
משה און שרה ווינאַרסקי
בען און מיני צוקערמאַן
י. און מוסי פרידלאַנד
אייב און מיני שוואַרץ
פייוול און אַנאַ לערנער
ר. און גאָסי ראָזענשטיין
מ. און בלומע שטיינבערג
ט. און טילי ברייס
דזש. און יעטאַ גרעי
חיים און שרה דאַרנא
מ. קאַטץ און טאָכטער
חבר און חברה ל. זעלמאַן
חבר און חברה מ. ווייסמאַן
יעטאַ און ז. בונין
פעי און י. סאַפיאַן
יוסף און דזשעני ווינמאַן
א. און ליובע באַביטש
מאַטעס און באַשקע דייטש
יצחק און חיה ניומאַן
חבר און חברה י. טיליס
ליזע און ווילי שאַר
מאַני און מ. פאַרבער
חייקע און א. באַנק
דאָרע און סעם לעווין
ליובע און ש. ברייניו

בען און בערטאַ קאַמסקי
חבר מאַטלין פון אָנטאַריאָ
פעני און פינטשע בערמאַן
סעם און סאָפיע בערגער
חברה און באָטע קאָזלאָווסקי
גאָלדע און מאיר דראָזד
צילע און זלמן זילבערצווייג
פערל און חיים אָסטראָווסקי
פעדער און פאָטאָווסקי
אינשורענס
רחל און מאָריס דייטש
יעקב קאַטץ
יצחק איזגור
מאַקס בערגמאַן
טשאַרליי צוקערמאַן
נתן אַזאַלין
ש. דראָגנזשיק
יואל ווייסשטיין
משה קאַפּלאַן
חברה און גדאַל זאַלעסקי
אַניוטאַ קאָפּעלאָף
איידע ראָזען
סאָפיע קראָל
טאַבל—ציליעס שוועסטער
רעגינע סייד
ראָוז באַלאַט
איווע און יעקב ווייסמאַן
חנה סוירליס

מחותנים, איידעמס, טעכטער און אייניקלעך.